גליון

# באור החיים

פרשת ראה - תשפ"ה לפ"ק | גליון תתמ"ה

ידנא לאור ע"י - איחוד תלמידי וחסידי טאהש

הגליון בשבוע זו נתנדב על ידי
הרה"ח ר' אהרן צ"ג הי"ו
לע"נ אביו הרה"ח ר' בנימין זאב בן ר' אליהו ע"ה
יארצייט ביום א' אלול - ב' שופטים הבעל"ט
וכזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

## באור פני מלך

פניני עבודה על פרשת השבוע

## צריכין לעשות תשובה תיכף ומיד

**ראה אנכי נותן היום לפניכם ברכה וקללה.**

דקדקו המפרשים על הלשון "ראה" הרי לשון ראיה אינו נופל אלא על דבר הנראה לעין, והברכה והקללה עדיין לא ניתנו להם, והל"ל "שמע", כמו שנאמר לעיל ועתה ישראל "שמע" אל החוקים.

עוד דקדקו המפרשים, על מה שנאמר "היום", הלא לא ניתנו להם היום אלא לאחר זמן כפי אשר יקיימו את המצות, כמו שכתוב אחר כך את הברכה אשר תשמעון.

ויש לרמז בזה על פי הידוע, כי אחד מן התחבולות האיך היצר מרחק את האדם מדרך התשובה הוא, על ידי שמדחהו שאינו צריך לעשות תשובה, ואם מזה לא ישמע אליו, אזי אומר לו, הנני מסכים עמך שבאמת עליך לשוב בתשובה שלימה אל ה', אך לא עתה כי בטרם תחזור בתשובה, עליך להתבונן היאך לעשות תשובה, ומתי לעשות תשובה, ולא תעשה בחפזון, ובזה מדחהו לשוב אל ה' למחר, ולמחר מדחהו אל אחר מחר, וכן מדחהו מיום אל יום, עד שמתקררת אצלו התעוררות שבלבו, ואינו זוכה לשוב אל ה'.

וזה שאמר הכתוב, ראה אנכי נותן לפניכם "היום" ברכה וקללה, שכדי שהאדם ישיג את הברכה או חלילה את הקללה, תלוי אם בוחר לילך בדרך ה"היום" דייקא, כי אם מתקן את מעשה תיכף ומיד כשתתעורר לזה, יזכה אל הברכה, אבל אם מדחה את הדבר אל מחר, ודחהו היצר מיום אל יום, לא יגיע לזה לעולם, ולזה אמר "ראה" לשון ראיה ולא "שמע" כי בשמועה יש גם שמועה רחוקה, שהיא לאחר זמן, וכדי לקבל הברכה, צריך להתנהג בבחינת ראיה, שיתחיל לילך בדרך ה' תיכף ומיד, כאדם הרואה הדבר לעיניו ובאופן זה יזכה לקבל הברכה ממנו יתברך.

(עבודת עבודה פתג"ק ראה)

## הקב"ה מוסר את עצמו בתוך התורה

**ראה אנכי נותן לפניכם היום.**

כתב בעל הטורים, ראה אנכי, ראה עשרת הדברות דפתח באנכי, כי תיבת "אנכי" רומזת על תיבת "אנכי" שבעשרת הדברות.

וידוע מה שדרשו חז"ל (שבת קה.) על זה, "אנכי" נוטריקון א'נא נ'פשי כ'תובת י'הבית, ופירושו כי בזה שהקב"ה נתן את התורה לעמו ישראל, מסר כביכול את עצמו ביד בני ישראל, כי בשעה שבר ישראל עוסק בתורה, הוא מתדבק אליו יתברך ביחוד עצום, והקב"ה כביכול שורה בתוכו ממש, וכמו שפירש הרה"ק בעל התניא זי"ע בנוסח הברכה ברוך אתה ה' "אלוקינו", פירוש שהקב"ה כביכול הוא אלוקי שלנו, שמסר את עצמו בידינו כביכול, וזהו גם הכוונה במה שנאמר כמה פעמים בפסוקי התורה, אני ה' "אלוקיכם" פירוש הריני אלוקי שלכם.

המשך בע' ב

פרנס פעולות האיחוד לחודש אב
נתנדב על ידי הרבני החסיד והמפואר בריח התיכון ומגדולי תומכי מוסדותינו הק'
הרב מאיר יעקב טעסלער שליט"א
לעילוי נשמתו הטהורה של
רבינו הקדוש מרן משולם פייש בן הרה"ק רבי מרדכי סג"ל זיעועכ"י
לכבוד היומדהל"ק ז"ך מנחם אב הבעל"ט
אשריך וטוב לך! הזכותים אדירים יעמדו לך ולזכותך!
מה טוב חלקך וחבלך בזה ובבא!
בכבוד רב
הנהלת איחוד תלמידי וחסידי טאהש
בשם כלל אנשי שלומינו

# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו
של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכי"א

**לה' הישועה, צו זיין נאנט צום אייבערשטן, דאס איז די ישועה וואס מיר אלע ברויכן!**

(שיח"ק ח"ג ת"א)

## מען דארף אויסארבעטן דעם כח הגוף און מגביר זיין דעם כח הנשמה

**ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה.** דארף מען פארשטיין וואס איז די לשון ראה, ראה זאגט מען נאר ביי א זאך וואס מען ווייזט יעצט דערויף, אבער די ברכה און די קללה איז דאך נאכנישט געקומען, נאר עס וועט קומען לויט ווי אזוי מען וועט זיך פירן.

די זעלבע איז שווער פארוואס שטייט "היום", מ'האט עס דאך נאכנישט געגעבן, מ'האט קודם געדארפט זען וויאזוי מען וועט זיך פירן.

ווייטער זאגט דער פסוק את הברכה אשר תשמעו, זאגט רש"י הק' על מנת אשר תשמעו, לכאורה וואס לייגט רש"י צו מער ווי עס שטייט אין פסוק.

נאר דער פשט איז אזוי, ווען דער אייבערשטער האט באשאפן דער מענטש, האט אים דער אייבערשטער צוזאמגעשטעלט פון א חומר און א צורה, א גוף און א נשמה, דער גוף איז יסודו מעפר וסופו לעפר, ער ציעט נאר צו תאות ומדות רעות, און די נשמה איז א חלק אלוקי ממעל, ז' ציעט נאר צום אייבערשטן, די נשמה ציעט אלץ ארויף לשורשה, נר ה' נשמת אדם, אזוי ווי פייער ציעט אלץ אויף ארויף, אזוי ציעט די נשמה אלץ צום אייבערשטן, און די עבודה פון א איד איז צו פירן שטענדיג א מלחמה, ער זאל מגביר זיין די כח הנשמה אויפ'ן גוף, די כח הנשמה זאל זיך קעגן שטעלן קעגן דעם גוף און מכניע זיין אלע תאוות.

## דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באדיש

קוקסט אריין אינעם הייליגן תיקוני זוהר און אין זוה"ק וועט עטץ זעהן, ווי ווייט דאס איז אויב מ'ארבעט נישט אויס דעם גוף, ס'שטייט דארט קלאר ארויס, דער זוה"ק פרעגט, ווען ס'וועט קומען די זמן פון תחיית המתים, וועלכער גוף וועט אויפשטיין, יעדע נשמה איז דאך מגולגל געווארן עטליכע מאל, זאגט דער זוה"ק, אז דער גוף וואס האט זיך מזכך געווען אויף דער וועלט, דער גוף וועט אויפשטיין תחיית המתים, אבער דער גוף וואס האט זיך נישט מזכך געווען, ער איז געווען אויף דער וועלט ווי אן עץ יבש, אן קיין חיות דקדושה, דער וועט ווייטער בלייבן אן עץ יבש, און ער וועט נישט אויפשטיין ביי תחיית המתים, ס'וועט זיין כאילו ער איז קיינמאל נישט באשאפן געווארן.

דאס זאגט דער פסוק, ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה, ברכה איז מרמז אויפ'ן נשמה, און קללה איז מרמז אויפ'ן גוף, ווי דער זוה"ק זאגט אז די קדושה ווערט אנגערופן ברוך, און די זוהמא וואס דאס איז דער גוף ווערט אנגערופן ארור, זאגט דער פסוק "ראה" זעה, דאס מיינט קוק מיט די עיני השכל, זיי דיר מתבונן, אז אנכי נותן לפניכם "היום", ברכה וקללה, דא אויף דער וועלט גיב איך ענק, ברכה די נשמה, און קללה דעם גוף, "היום" לעשותם, דא אויף דער וועלט קענט עטץ פירן די מלחמה, מגביר צו זיין דעם כח הנשמה אויפ'ן גוף, דא האט עטץ נאך די בחירה, אבער אויף יענער וועלט וועט מען שוין גארנישט קענען טון, דארט וועט שוין גארנישט העלפן.

דאס איז רש"י הק' מוסיף אויף דעם את הברכה אשר תשמעו, על מנת אשר תשמעו, ווייל די גמרא זאגט (קידושין ס' ע"ב) כל האומר על מנת כאומר מעכשיו דמי, דאס איז רש"י הק' מרמז "על מנת" אשר תשמעו, שוין מעכשיו, יעצט דא אויף דער וועלט זאלט עטץ היטן די תורה ומצות, דא זאלט עטץ מגביר זיין דעם כח הנשמה אויפ'ן גוף, דארט וועט שוין גארנישט העלפן.

דאס איז אויך פשט אין די פסוקים וואס שטייט אין פרשת נצבים, "ראה", זיי דיר מתבונן, נתתי לפניך "היום" דא אויף דער וועלט האב איך דיר געגעבן, את החיים ואת הטוב ואת המות ואת הרע, דא האסטו די בחירה, און די תורה זאגט ווייטער "ובחרת בחיים", דער אייבערשטער גיבט אן עצה פאר'ן מענטש ער זאל אויסוועלן דעם חלק הטוב, ווי רש"י הק' ברענגט דארט כאדם האומר לבנו בחר לך חלק יפה בנחלתי ומעמידו על חלק היפה ואומר לו את זה ברור לך, זיי בוחר אין דעם ווייל דאס איז גוט פאר דיר, למען תחיה אתה וזרעך.

(עבו"ע אמ"ק)

המשך מע' א

ולפי זה יש לרמז ראה "אנכי נותן לפניכם היום", פירוש, הריני נותן את עצמי לפניכם, כי על ידי התורה המרומזת בתיבת "אנכי" מסרתי את עצמי ביד בני ישראל, ואנא נפשי כתבית יהבית.

(עבודת עבודה פתג"ק ראה)

# א ווארט צום שבת טיש

געקל'יבענע תורות און מעשיות נאכצוזאגן ביים שבת טיש

## א תורה אויף די פרשה

### ראה אנכי נותן לפניכם היום.

עס איז באקאנט אז ווען דער אייבירשטער אליין וואלט געגעבן די גאנצע תורה, וואלט מען קיינמאל נישט פארגעסן דאס לערנען.

דאס זאגט משה רבינו, ראה "אנכי" נותן לפניכם, ווייל איך האב געגעבן די תורה, וועגן דעם איז דא דערביי א ברכה וקללה, ס'איז דא ווער עס געדענקט יא דאס לערנען, און עס איז דא ווער נישט, את הברכה, די עצה צו געדענקן לערנען, אשר תשמעו, מ'זאל כסדר איבערלערנען די אלטע.

(תולדות יעקב יוסף)

### ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה.

דאס ווארט "היום" קען גענוצט ווערן אויף צוויי וועגן. די צדיקים זאגן, אם לא עכשיו אימתי, אויב נישט יעצט, ווען דען, ווייל "היום" אתה כאן, היינט ביזטו נאך אויף די וועלט, ולמחר בקבר.

אבער די רשעים נוצן דעם היום אויף זייערע צוועקן, און זיי זאגן, לאמיר היינט עסן, און ארייכאפן ווי מער גשמיות אויף דער וועלט, ווייל מארגן קען מען שוין שטארבן.

דאס מיינט דער פסוק, אז אינעם ווארט "היום" קען זיין א ברכה און ס'קען זיין א קללה. פירט דער פסוק אויס, ובחרת בחיים, אז מ'זאל נוצן דעם היום אויף דעם ריכטיגן וועג.

(הרה"ק מאלכסנדר זצ"ל)

### ואכלתם שם לפני ה' אלוקיכם ושמחתם בכל משלח ידכם.

דער חילוק צווישן א צדיק און א רשע איז, אז ביי א צדיק, אפילו נאך די מצוה, פארבלייבט נאך די שמחה און געשמאק. משא"כ א רשע וואס פריידט זיך מיט די עבירה, גייט אוועק די שמחה.

דאס איז מרומז אין פסוק "ואכלתם שם לפני ה' אלוקיכם", און אפילו נאכדעם וואס מ'עסט דאס אויף, "ושמחתם בכל משלח ידכם", צו פרייען, אפילו נאכדעם וואס מ'עסט אויף דעם מעשר פארבלייבט די שמחה.

(אמרי שפר)

### רק קדשיך אשר יהיו לך ונדריך תשא ובאת.

מ'קען מסביר זיין פארוואס דער פסוק האט נישט געשריבן צוזאמען "קדשיך ונדריך", נאר מפסיק געווען אינמיטן מיט די ווערטער "אשר יהיו לך". ווייל די גמרא זאגט אין מסכת חולין, אז דאס בעסטע איז אויב מ'מאכט נישט קיין נדר, ווייל נאכדעם קען מען ח"ו דורכפאלן און נישט מקיים זיין דעם נדר. פרעגט די גמרא, מ'זעהט דאך אז יעקב אבינו האט יא געמאכט א נדר, ווי ס'שטייט אין פסוק וידר יעקב נדר, ענטפערט די גמרא, אז בשעת מ'געפינט זיך אין אן עת צרה מעג מען יא מאכן א נדר.

מיט דעם קען מען פארענטפערן, אז דעריבער האט דער פסוק נישט געוואלט שרייבן "ונדריך אשר יהיו לך", ווייל אז מ'מאכט נדרים איז דאך א סימן אז מ'איז אין אן עת צרה ר"ל, און דער פסוק וויל נישט שרייבן שלעכטס פאר אידן ח"ו, דעריבער צוטיילט עס די פסוק אין צוויי, קדשיך אשר יהיו לך, דו וועסט ברענגען קדשים, ונדריך, אויב ס'מאכט זיך אז מ'איז אין אן עת צרה און מ'האט צוגעזאגט א נדר, דארף מען דאס ברענגען צום בית המקדש.

(הרה"ק מבעלזא זצ"ל)

## א מעשה אויף די פרשה

### לא תעשון כן לה' אלוקיכם.

הרה"ק מראפשיץ זי"ע איז אמאל געזעסן ביים טיש צוזאמען מיט זיינע תלמידים, און איז געווען אביסל אויפגעלייגט. נאך די סעודה איז אריין דער תלמיד הרה"ק ר"ד ישכר בער מראדאשיץ זצ"ל פרעגן דעם ראפשיצער פארוואס די רבי איז אזוי פרייליך, האט דער רבי דערציילט, אז יעצט איז נפטר געווארן א גרויסער צדיק, און ארויפקומענדיג אין הימל האט מען אים אויסגעפרעגט איבער זיינע מעשים, אויף וועלכן ער האט אויף אלעם געענטפערט, "יא", אזוי ווי עס שטייט אבער אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא, האט מען געכאפט א קליינעם פגם צוליב וועלכן מ'האט אים פאר'משפט צו א שעה און א האלב גיהנם.

זענען געקומען די מלאכי רחמים און גע'טענה'ט, עניות ראטעוועט דאך פון גיהנם. די גרעסטע עניות איז, אז מ'פארמאגט נישט קיין שיך, ווי חז"ל זאגן (שבת קכ"ט), לעולם ימכור אדם כל מה שיש לו ויקנה מנעלים לרגליו. דער צדיק איז געווען אזוי ארעם, אז זיין משפחה האט פארמאגט נאר איין פאר שיך, אז מ'האט זיך געדארפט איינטיילן ווער עס זאל ארויסגיין אין גאס, ממילא דארף ער נישט גיין אין גיהנם. האבן די מלאכי חובה געענטפערט, אז דער צדיק האט נישט געשפירט זיין



ארימקייט, ער האט זיך קיינמאל נישט אפגערעדט, ממילא קומט נישט אז ער זאל אפקומען זיין גיהנם.

אבער עז איז געשטאנען איין מלאך וואס האט דערמאנט, אז איינמאל האט זיך די שיך פארפלאנטערט אין א שטיקל בלאטע, וואס דער צדיק האט דאן ארויסגעלאזט פון זיך א קרעכץ, וואס דאס ווייזט אז ער האט יא געשפירט די אלע צרות און פיין, און דאס האט אים געראטעוועט פון גיהנם.

האט דער צדיק דערמיט געטייטשט, לא תעשון כן לה' אלוקיכם, "כן" איז א לשון פון גערעכט געבן און זאגן יא. מ'דארף נישט אויף אלעם זאגן יא, מ'מעג אמאל ארויסלאזן א קרעכץ, דערמיט מודיע צו זיין אז מ'ווייסט אז דאס זענען יסורים ר"ל.

*

## כי תאוה נפשך לאכול.

הרה"ק רבי דוד'ל לעלובער זי"ע האט איינמאל שפאצירט אין וואלד, ווען ער האט געהאלטן אינמיטן אפרעכטן א תענית "משבת לשבת". אזוי גייענדיג מיט די אפגעשוואכטע כוחות, האט ער באגעגנט א ברינעם וועלכע עס האט דערפון ארויסגעקוועלט פיינע פרישע קאלטע וואסער. האט ער געוואלט טרונקן דערפון, אבער דערנאך האט ער געטראכט אז דאס קומט זיכער פונעם יצר הרע, און איז ווייטער געגאנגען אין וועג, און נישט געטרונקן פונעם וואסער.

אזוי גייענדיג האט ער זיך זייער געפריידט, אז ס'איז אים געלונגען צו באזיגן דעם יצה"ר. באלד האט ער געטראכט אז זיכער קומט דאס אויך פונעם יצה"ר, וועלכער וויל ארייןברענגען א רוח פון גיאות, איז ער צוריקגעגאנגען צום ברינעם, און איבערגעהאקט זיין תענית, אלעס נאר נישט צוצוקומען צו גאוה...

*

## ונתן לך רחמים ורחמך.

אין ספר גן יוסף ווערט געברענגט אז דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע האט דערציילט אז איידער ער איז אראפ געקומען אויף דער וועלט האט מען אים ארייגעפירט אין א היכל אויף יענער וועלט, האט ער געזען שטיין אויף איין זייט די מימרא כל המרחם על הבריות מרחמין עליו מן השמים, אויף די אנדערע זייט האט ער געזען שטיין געשריבן במי אתה מוצא דברי תורה במי שמשים עצמו אכזרי על בניו ועל בני ביתו כעורב. אויף די אנדערע וואנט איז געשטאנען, תמים תהיה עם ה' אלוקיך, נעבן דעם איז געשטאנען לעולם יהי' אדם ערום ביראה, אזוי האט ער געזען פארשידענע סתירות אויפגעשריבן.

אזוי ווי ער האט געוואלט פרעגן וואס דא גייט פאר און וויאזוי מ'פארענטפערט דאס, האט ער געהערט אויסשרייען "מזל טוב מזל טוב א בן זכר איז געבוירן" און ער האט זיך דערזען אויף די וועלט, און אזוי ארבעט ער שוין א גאנץ לעבן און ער פרובירט צו פארענטפערן די סתירות, און טרעפן א מיטל וועג צווישן די צוויי מהלכים...



המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **יואל פאלקאוויטש** הי"ו (קרית יואל)
לרגל שמחת הולדת נכדתו - ובר מצוה בנו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

# שבת מברכין אלול

## חודש אלול הכנה צום יום הדין

אזוי ווי די שבת איז שבת מברכין חודש אלול, און מיר טרעטן אריין אין דעם געהויבענעם חודש אלול, וואס דער קול פונעם "אריה שאג מי לא ירא" הערט זיך שוין פון דער ווייטנס, דער ארי החי שטייט שוין קעגן אונז, אזוי ווי די ספרים הקדושים שרייבן אז "אריה" איז די ר"ת פון א'לול ר'אש השנה, י'ום כיפור ה'ושענה רבה, און אין די טעג נעמט ארום א פחד אין די גאנצע בריאה, די גאנצע פמליא של מעלה און אלע מלאכים שרפים וחיות הקודש, שטייען און ציטערן, ומלאכים יחפזון, וחיל ורעדה יאחזון, ויאמרו הנה יום הדין, אזוי אויך די גאנצע עולם התחתון ציטערט פון די שאגת הארי.

## שבת מברכין אלול

עס ווערט דערציילט אז דער חפץ חיים זצ"ל ווען ער פלעגט זאגן ביי ראש חודש בענטשן די ווערטער "ראש חודש אלול יהיה אי"ה ביום..", האט ער אויסגעפלאצט מיט א שרעקליכע געוויין, און אויך אלע מתפללים האבן אויסגעפלאצט מיט א געוויין.

אין דעם מאמר האבן מיר געשריבן בעזהי"ת וואס עס שטייט אין די ספרים הקדושים, און וואס עס ווערט דערציילט פון די גרויס פחד פונעם יום הדין ביי צדיקים און גדולי ישראל, במשך די חודש אלול, כדי מיר זאלן האבן א שטיקל השגה אין די גרויסקייט פון "חודש אלול", און זיך אביסל גרייטן צו די הייליגע טעג.

צום אלעמען ערשט יעלה זכרונינו וואס מיר האבן געהאט די זכיה צו זען די הייליגע עבודה פון רבינו הקדוש זי"ע במשך די חודש אלול, וואס ס'איז געווען כולו קודש און כולו פחד מאימת היום הדין.

רבינו הקדוש האט געקאכט אין די טעג ווי א פלאם פייער, ער איז פשוט געווען פושט צורה ולובש צורה, און ער האט געהאלטן און איין חזר'ן דאס וואס צדיקים האבן געזאגט אז אין חודש אלול ציטערן אפילו די פיש אין ים מאימת הדין, און וואס זאלן מיר שוין זאגן.

עס איז באקאנט אז דער הייליגער דברי חיים זי"ע פלעגט זיך אויסדריקן מיט דעם לשון: אפילו די ווערים וואס זענען אונטער די גרויסע שטיינער פון ים ציטערן אין די טעג.

רבינו הקדוש זי"ע ברענגט אין עבודת עבודה, אז עס זענען געווען צדיקים וואס פון ראש חודש אלול ביז נאך הושענה רבה האבן זיי קיינעם נישט צוגעלאזט צו זיך, זיי האבן זיך איינגעשפארט כדי צו זיין אינגאנצן אויגעשלאסן פון דער וועלט, מרוב אימת הדין.

רביה"ק האט זיך אמאל אויסגעדריקט, אז דאס געזעגענען מענטשן פאר די הייליגע טעג, דאס איז ממש א מסירת נפש, אין אזעלכע טעג וואס מען איז מלא פחד פונעם יום הדין, דארף מען זיך אפגעבן מיטן וואונטשן פאר כלל ישראל, אבער מען וויל דאך אז דער אייבערשטער זאל אונז אויך אויפנעמען, דעריבער גיט מען זיך אינגאנצן אוועק דערפאר.

עס איז באקאנט אז הרה"ק מסאטמאר זי"ע פלעגט זאגן, אז דער קדושת יום טוב זי"ע האט געזאגט, אז תיכף נאך שבועות ווען מען לייגט די פרשה "נשא את ראש בני ישראל", דערמאנט ער זיך אין "ראש השנה", און זיינע געדערים דרייען זיך ביי אים פונעם אימת הדין, און ער האט צוגעלייגט, אז אפילו אויף די בעלי חיים ווי די ווערים, קען מען דערקענען א פחד.

איינמאל האט הרה"ק מסאטמאר געזאגט אויף זיך, אויך איך פיל א געוואלדיגע פחד פאר די הייליגע טעג, אבער פון מיר איז נישט קיין ראיה, איך בין דאך בטבע א פחדן, אבער אנדערע צדיקים כאטש זיי זענען נישט בטבע פחדנים, האבן זיי זיך פשוט נישט געקענט האלטן פונעם פחד יום הדין.

דער גאלאנטא רב (הגר"י בוקסבוים) זצ"ל פלעגט דערציילן אויפן הייליגן חתם סופר זי"ע אז פון אנהייב חודש אלול, ביז נאך די ימים נוראים, איז זיין פנים געווען בלאס פון גרויס פחד ואימת הימים נוראים (ספר אור פני יהושע).

און אזוי שטייט אויך אין מנהגי חתם סופר, אז אין די עשרת ימי תשובה איז ער געווען פארשלאסן אין זיין פריוואטע צומער, און ער איז געווען דבוק מיט זיינע מחשבות, און ער האט דעמאלטס מחבר געווען פארשידענע שירים וזמירות.

עס איז דא א תשובה אין נודע ביהודה (מהדו"ת חו"מ סימן כ"ה) ווי ער איז זיך מתנצל פארוואס ער האט נישט געענטפערט אויף די שאלה ביז נאך די ימים נוראים, און ער שרייבט די ווערטער, "ויען בימים האדירים הנוראים, שערי דמעה אינם ננעלים, וראשי כבד עלי, לא עיינתי בשאלות הבאות".

עס איז באקאנט אז דער הייליגער בני יששכר זי"ע האט עטליכע מאל אנגעהויבן צו שרייבן חידושי תורה אין חודש אלול, און דער פעדער איז אים ארויסגעפאלן פון זיין האנט, פון רוב פחד יום הדין.

עס איז דא א אינטערסאנטע כתב יד פונעם הייליגן בני יששכר, וואס ער האט געשריבן אין חודש אלול, און מען זעט ווי די כתב פון די אותיות זענען פארקרימט און מטושטש, און זיי זענען געשריבן אן קיין סדר, איין אות העכער פון די שורה, און איין אות אונטער די שורה, און מען קען עס קוים ליינען, און ביים סוף שרייבט ער מיט דעם לשון "ולא אוכל להאריך מחמת שידי מרתתין כשאני כותב, מפחד ד' וממורא יום הדין".

אויך איז דא א תשובה אין ספר אבני מילואים (סוף ח"א) אויף א וויכטיגע שאלה וואס ער האט באקומען אין די ימי אלול, איבער א היתר עגונה, און ער האט ערשט געענטפערט נאך יום כיפור, און ער איז זיך מתנצל מיט די ווערטער "הגיע לידי בימי רצון ותחנונים, לכן לא יכולתי לעיין בהם,

ואם גם לעת כזאת [קודם סוכות] אין הפנאי מסכים, כי ימי מצוה ועשיה המה, אולם להיות הלכה למעשה הוא, הוכרחני ליקח זמן".

זעט מען פון דעם אז אפילו עס איז געווען א וויכטיגע שאלה, פון מתיר זיין א עגונה, האט ער נישט געקענט ענטפערן אין די ימי אלול וועגן אימת ימי הדין, כאטש פאר סוכות וואס מען איז דעמאלטס טרוד מיט די סוכה, און מיט די ד' מינים, איבערהויפט אז ער איז אלץ רב זיכער געווען פארנומען מיט בודק זיין די ד' מינים פאר עולם, האט ער יא אוועקגעריסן פון זיין צייט צו ענטפערן.

אויך איז דא א בריוו פונעם קול אריה זצ"ל, וואס זיין רעבעצין האט געשיקט צו די קינדער, און ער שרייבט צו נאר עטליכע ווערטער מיט דעם לשון "מחמת פחד יום הדין לא אוכל לכתוב, דברי אביכם" (בהסכמת רבי שלמה זלמן עהרענרייך לספר קול אריה).

מען זאגט נאך אז דער בעלזער רב רבי ישכר דוב זצ"ל, פלעגט א גאנץ יאר שלאפן אן קיין צודעק, אפילו ווינטער ווען עס איז געווען שרעקליך קאלט, אבער אין חודש אלול האט ער זיך געדארפט צו דעקן, ווייל ער האט שרעקליך געציטערט מאימת הדין, און ער האט זיך צוגעדעקט מיט זיין טילעפ.

עס ווערט דערציילט אז א בחור א מצוין וואס האט געלערנט אין א ישיבה, האט אים זיין ראש ישיבה געשיקט צום גרויסן גאון הגה"ק פון ניאמץ זצ"ל וואס איז אין רומניה, אז ער זאל אים פארהערן די הוראה און ער זאל אים מסמיך זיין בסמיכת חכמים, נאך א לענגערע נסיעה וואס האט געדויערט א לאנגע צייט אין יענע צייטן, איז ער אנגעקומען צום גרויסן גאון, האט אים דער ניאמצער רב געזאגט מיט ווינדער "ווי אזוי איז מעגליך צו פארהערן אין חודש אלול, מען דארף זיך דאך גרייטן צום יום הדין", זיי מוחל פאר א היים לחיים ולשלום, און נאך די ימים נוראים וועל איך דיך זייער גערן פארהערן.

אזוי האט אויסגעזען דער פחד פונעם יום הדין ביי צדיקים און ערליכע אידן, און יעדער איינער לפי דרכו דארף זיך אפלערנען זיך צו גרייטן צו די ימי הדין כדי זוכה צו זיין צו א כתיבה וחתימה טובה בספרן של צדיקים גמורים.

## א

## שאלה: מען פירט זיך אז אנגעהויבן פון חודש אלול, זענען די צדיקים און די רבנים מעורר דעם ציבור צו תיקון המעשים ווי איז דער מקור צו דעם?

**תשובה:** די גמרא (ראש השנה דף י"ח ע"א) דרשנ'ט דעם פסוק (ישעיה נ"ה ו') "דרשו ה' בהמצאו, קראוהו בהיותו קרוב" אז דאס גייט ארויף אויף די עשרת ימי תשובה, זאגט דער אלשי"ך הקדוש אז "קראוהו בהיותו קרוב" הייבט זיך אן פון ראש חודש אלול און ווייטער, אז פון דעמאלטס דארף מען זיך שוין גרייטן צום יום הדין, און צוליב דעם האט מען קובע געווען אז מען זאל בלאזן שופר יעדן טאג פון חודש אלול, כדי מעורר צו זיין צו תשובה און מעשים טובים.

* אין ספר שער המלך (שער א' פרק ח') ברענגט ער א מורא'דיגע מעשה אין די וויכטיגקייט פון מעורר זיין אין חודש אלול אויף תשובה און תיקון המעשים, און ער שרייבט אזוי:

אין מיינע יונגע יארן ווען מען האט מיך אויפגענומען אלץ רב אין אונזער קהלה, האב איך דעמאלטס מקבל געווען אויף מיר בלי נדר צו דרש'ענען ברבים יעדע ראש חודש אלול און מעורר זיין אויף תשובה און תיקון המעשים, וועגן די פאלגענדע מעשה.

אין יענע צייט האט דער הויפט פון די גלחים ארויס געגעבן א שרעקליכע גזירה פאר שבועות, אז מען דארף פארשפארן אלע שולן פון אונזערע גלילות, און אונז האבן געדאווענט די גאנצע זומער אין ווייבער שול באהאלטענערהייט, ווען עס איז געקומען ראש חודש אלול, האב איך געהאלטן א דרשה מיט געוואלדיגע בכיות, אז עס דערנענטערן זיך די ימים נוראים, און אונז האבן נישט ווי מתפלל צו זיין, און זיך אויסבעטן, און ווער ווייסט וואס פאר א חרון אף דאס קען גורם זיין אין הימל, און ער האט שטארק מעורר געווען צו תשובה און תיקון המעשים, און דער עולם האט אויסגעפלאצט מיט א ביטערליכע געוויין.

פארן ארויס נעמען די ספר תורה צום ליינען, האב איך באפוילן אויסצורופן אז יעדער זאל מנדב זיין געלט לויט וויפיל זיין הארץ באגערט, כדי מען זאל קענען פוילן מבטל צו זיין די גזירה, און מען האט צוזאמען גענומען 20 גילדן, און מיין רעבעצן מיט נאך פרויען זענען געפארן צום גלח, און זיך געבעטן צו אים, און זיי האבן ב"ה געפועלט מבטל צו זיין די גזירה, און נאך אין דעם שבת פון פאר ראש השנה האבן מיר ב"ה זוכה געווען צו עפענען די טויערן פון די שולן, און מיר האבן געדאנקט דעם הייליגן באשעפער, און געזאגט מיט פרייד "שאו שערים ראשיכם ויבא מלך הכבוד".

איבער א יאר אין די נאכט צו ראש חודש אלול, האט זיך באוויזן צו מיר אין חלום א שיינער אלטער געשטאלט וואס זיין פנים האט געלאכטן ווי א מלאך אלקים, און איך האב מיך אויפגעשטעלט פאר אים און געגעבן שלום, און ער האט מיר צוריק געגעבן שלום, און ער האט מיך געפרעגט, וויאזוי איך זאג ביי תפילת מוסף פון יום כיפור, "ומעביר אשמתינו בכל שנה ושנה", אדער "מעביר אשמתינו כל שנה ושנה", האב איך אים געפרעגט איז דען דא א חילוק וויאזוי מען זאגט, האט ער מיר געזאגט, אודאי איז דא א חילוק, און ער האט מיר ערקלערט:

עס שטייט אין מדרש א משל צו א מלך וואס איז געקומען קאסירן די שטייער פון די מענטשן פון שטאט, ווען ער איז נאך געווען אביסל ווייט פון שטאט, האט ער באגעגנט עלטערע מענטשן וואס זענען אים געקומען מקבל פנים זיין, האט ער זיי מוותר געווען א דריטל פון זייער שטייער, ווען ער איז אנגעקומען נאנט צום שטאט, זענען ארויסגעקומען די מיטעלע מענטשן אים מקבל פנים צו זיין, האט ער זיי מוותר געווען נאך א דריטל, ווען ער איז שוין אנגעקומען צום טויער פון שטאט, איז שוין יעדער ארויס געקומען אנשים ונשים וטף, און ער האט זיי דעמאלטס מוותר געווען די גאנצע.

דאס זעלבע איז ווען עס קומט

חודש אלול, גייען ארויס די צדיקים און אנשי מעשה און זיי זענען מקבל פנים דעם הייליגן באשעפער, מיט תורה און מעשים טובים, און דער אייבערשטער מוותר א דריטל, און ווען עס קומט ראש השנה גייען ארויס די מיטלמעסיגע מענטשן און זיי טוען תשובה, און דער אייבערשטער איז מוותר נאך א דריטל, און יום כיפור גייט שוין יעדער ארויס אנשים נשים וטף, און דעמאלטס איז דער אייבערשטער מוותר אלעס.

האט ער אויסגעפירט, קומט אויס אז דער אייבערשטער איז מוחל אויף די עבירות אין דריי צייטן, איבער דעם איז ראוי צו זאגן "מעביר אשמותינו בכל שנה", און נישט "כל שנה ושנה", ווייל "כל שנה" איז משמע אז דער אייבערשטער איז מוחל די עבירות דורך איינמאל איבער בעטן, און דער אמת איז אז דער אייבערשטער איז אונז מוחל "בכל שנה ושנה" דורך איבער בעטן דריי מאל א יאר, און איך האב אים געגעבן גערעכט, אז מען דארף טאקע זאגן "בכל שנה ושנה".

נאכן זאגן די ווערטער האט ער מיר פארגעהאלטן אין חלום, אויב אזוי אז מען דארף שוין אנהייבן תשובה צו טון פון חודש אלול, פארוואס האסטו נישט געהאלטן א דרשה און מעורר געווען דעם עולם אז זיי זאלן ארויסגיין מקבל פנים זיין דעם מלך מלכי המלכים שוין פון ראש חודש כדי ער זאל מוותר א דריטל פון אונזער זונד.

און ער האט מיך געפרעגט, פארוואס פאר א יאר האסטו יא געהאלטן א דרשה ראש חודש אלול, האב איך אים געענטפערט ווייל פאר א יאר זענען געווען אונזערע שולן פארשלאסן האבן מיר געוואלט פועלן אז דער אייבערשטער זאל העלפן אז די גזירה זאל בטל ווערן, און מיר זאלן קענען דאווענען די הייליגע טעג אין די שולן, האט ער מיר געזאגט, עס איז דאך א קל וחומר, מה דאך אין די צייט ווען די שולן זענען געווען פארשלאסן, האט נישט פארשלאסן אייער מויל מעורר צו זיין צו תשובה, כל שכן יעצט אז איר האט ב"ה זוכה געווען צו זיין אין א שול, דארפט איר אוודאי מעורר צו זיין אין די שולן צו תשובה און תיקון המעשים.

איך האב מיך אויפגעוועקט פון מיין שלאף מיט גרויס ציטער און שרעק, און איך האב געהאלטן א דרשה נאך אין יענע צופרי א' דראש חודש אלול, און איך האב מקבל געווען אויף מיר, אז יעדער ראש חודש אלול וועל איך מעורר זיין דעם ציבור צו תשובה און תיקון המעשים.




המשך מאמר בענין:

# בנין בית המקדש השלישי

עוד ברור, כי צורת בנין הבית הראשון שונה היתה מצורתו של הבית השני, ושניהם יחד שונים לגמרי מצורת הבית השלישי. צורת הבית הראשון מפורשת במלכים א' (פרק ו'), שם מוזכרת בניתו על ידי שלמה המלך. צורת הבית השני מבוארת במסכת מידות, כשכל המידות המפורטות שם מתייחסות לבית השני. צורת הבית השלישי היא הנזכרת בנבואת יחזקאל, ועליה מיוסד מאמרינו.

גם יש להעיר, כי כדרך הנביאים האחרונים, אשר גילו בדבריהם טפח וכיסו טפחיים, רבים מבין הדברים שהזכיר יחזקאל בנבואתו אינם מובנים דיים, ואכן הראשונים טורחים לבאר את הפסוקים לפי דרכם, אך עדיין מוצאים אנו את רש"י כותב (יחזקאל מב, ג): "ואני לא היה לי לא רב ולא עוזר בכל הבנין הזה אלא כמו שהראוני מן השמים", כלומר שלא היתה לו קבלה מרבותיו אודות ביאורי פסוקי הנבואה של יחזקאל על הבית השלישי, זולת מה שהראוהו משמים. כך גם האברבנאל מזכיר בפירושו (יחזקאל מ, א) כדברים האלו: "ואני בפירוש הנבואה הזאת אתנהלה לאטי, לרגל המתרגם והמפרשים, וכפי מה שיעלה על דעתי ויורוני מן השמים, כי ה' יתן חכמה מפיו דעת ותבונה".

## השינויים שבבית השלישי על פני שני בתי המקדש הראשונים

אודות צורת הבית השלישי יכולים להאריך רבות בכל הפרטים אשר הוזכרו בנבואתו של יחזקאל, אך אין זה עיקר מגמתנו במאמר זה, על כן לא נזכיר רק שינויים אחדים.

א' הר הבית, בעוד שבבית שני היו מידות הר הבית חמש מאות אמה על חמש מאות אמה, הרי שבבית השלישי המתואר בספר יחזקאל יהיו מידות הר הבית שלושת אלפים אמה על שלושת אלפים אמה (יחזקאל מב, כ וברש"י שם).

ב' עזרת נשים, בעוד שבבית שני לא היתה עזרת הנשים אלא בצד המערבי של הבית, כאשר ממקום הכניסה מהר הבית היה תחילה מקום עזרת הנשים, ולאחריו נכנסו אל עזרת ישראל ואל תוך המקדש,

# מעדני התורה

לברר וללבן נושאים וענינים שונים כדרכה של תורה

הרי שבבית השלישי תהיה עזרה זו מקיפה את כל הבית כולו מכל צדדיו (יחזקאל מב, טז), ולא רק מצד המערב.

ג' המלבי"ם (יחזקאל מג, יב) מוכיח, כי הבית השלישי לא יהיה ממש על מקום הבית הראשון והשני, כי הרי מקומו של המקדש נלמד מדברי הכתוב (דברים לג, יב) ובין כתפיו שכן, שאין לעשותו על המקום היותר גבוה שבירושלים, והיה עין עיטם גבוה הימנו, כמבואר בדברי הגמ' (זבחים נד:), אמנם על הבית השלישי כתוב (ישעיה ב, ב): "והיה באחרית הימים נכון יהיה הר בית ה' בראש ההרים ונשא מגבעות", ונשנה עוד בנבואת מיכה (ד, א): "והיה באחרית הימים יהיה הר בית ה' נכון בראש ההרים ונשא הוא מגבעות", ועל כן לא יהיה הבית השלישי עומד על המקום שעמדו שני בתי המקדש הראשונים.

הרש"ש (בבא בתרא קכב. בד"ה ועוד) מחדש יותר, כי משמעות הכתובים הנזכרים, כי הבית השלישי כלל לא יבנה על הר זה, אלא יבנה על הר אחר, והכריח כן מתוך דברי הכתובים (יחזקאל מח, ח עיי"ש ברש"י) והבנת חכמינו ז"ל, אך דבריו מחודשים ביותר.

## מחלוקת הראשונים באופן בניית הבית השלישי

עתה נבוא לעיקר דברינו, אשר ככל שנתבאר כי שיטת כל הראשונים מוני המצות למנות את בניית בית הבחירה כאחד ממצות התורה, שומה עלינו לדון האם מצוה זו עתידה שתתקיים על ידינו עם בניית הבית השלישי, או שמא ירד הבית השלישי כלול בהדרו משמיים, ולא נזכה לקיים מצוה זו.

בעיקר הדברים נחלקו הראשונים, וישנן גם משמעויות לשני הצדדים בדברי חכמינו ז"ל ובמדרשים, וכמו שנאריך בסייעתא דשמיא.

## שיטת הראשונים שבית המקדש ירד בנוי מן השמים

השיטה הידועה בפי רוב רובם של יושבי בית המדרש, היא שיטת רוב הראשונים, אשר לדעתם בית המקדש ירד בנוי בהדרו, ולא יבנוהו בפועל לעתיד לבוא.

מקור הדברים מדברי המשנה (סוכה מא.) אודות תקנת רבן יוחנן בן זכאי שיהא יום הנף כולו אסור, אשר טעם התקנה היה, כי בזמן שהיה בית המקדש קיים היו מקריבים ביום ט"ז ניסן את העומר, ועד להקרבת העומר לא הותר עוד החדש, ולאחר שנחרב בית המקדש שלא יכלו להקריב עוד את העומר, מעיקר הדין היה מותר העומר כבר מתחילת יום ט"ז ניסן, ולא הוצרכו להמתין עד סוף היום. אמנם רבן יוחנן בן זכאי חשש שמא יבואו לידי טעות, כאשר יבנה בית המקדש ויאמרו אשר אשתקד היו אוכלים מן החדש כבר בבוקרו של יום ט"ז, ולא ידעו כי לאחר שנבנה בית המקדש צריכים להמתין על הקרבת העומר, ולכן אסר רבי יוחנן בן זכאי את כל היום באכילת חדש.

אך הקשו על זה בגמרא (סוכה מא.), כי לכאורה אין מובן מדוע יש לאסור את כל היום כולו באכילת חדש, והרי אם החשש הוא שמא יבנה בית המקדש רק ביום ט"ז ניסן, א"כ הואיל ובתחילת היום לא עמד עוד בית המקדש על בנינו לא יהא חל איסור עומר, מאחר ולא יוכלו עוד להקריב את העומר, ואם יבנה בית המקדש בט"ו בניסן, הרי כבר יוכלו להקריב את העומר עד חצות היום, ואם כן לא היה לו לרבי יוחנן בן זכאי לאסור את כל היום כולו באכילה, אלא די היה לאסור עד חצות היום, אשר בזה גם אם יבנה בית המקדש לפני כן יוכלו כבר לאכול, הואיל ויספיקו להקריב את העומר המתיר את החדש. ותירצו שמא יבנו בלילה אור לט"ז, ולא יספיקו להקריב את העומר עד חצות היום, וכן אם יבנו בט"ו סמוך לשקיעת החמה, אשר גם בזה לגודל הטירדה לא יוכלו לקצור העומר בזמנו, ותתעכב הקרבת העומר אף אחר חצות היום, ולכן יש לאסור את כל היום מטעם זה.

והתקשו הראשונים, הרי אמרו בגמ' (שבועות טו:) שאין בונים בית המקדש בלילה, וכן שאין בנין בית המקדש דוחה יום טוב, ואם כן איך אמרו בגמרא שיתכן להיות מציאות שיבנה בית המקדש בט"ו בניסן שהוא יום טוב, או בליל ט"ז ניסן, הרי אין שייך כלל לבנות אז את בית המקדש.

**המשך בשבוע הבא אי"ה**

## כי לא יחדל אביון מקרב הארץ על כן אנכי מצוך לאמר פתוח תפתח את ידך וגו'.

אין די גלילות פון די שטאט קאסוב איז געווען איין יאר א גרויסע קעלט, און די ארימעלייט האבן נישט געהאט גענוג געלט צו קויפן האלץ זיך צו קענען אנווארעמען, האט דאן הרה"ק ר' חיים קאסוב'ער פראבירט צו שתדל'ען בייַ די עשירים אז זיי זאלן העלפן די עניים, אבער די עשירים האבן ליידער נישט צופיל צוגעהאלפן די ארימעלייט, אזוי איז אריבער געגאנגען א שטיקל צייט וואס די עניים זענען א יעדע נאכט אויסגעגאנגען פאר קעלט.

איין טאג איז הרה"ק מ'רוזין זי"ע געקומען באזוכן זיין מחותן ר' חיים מ'קאסוב, און די מחותן האט אנגעגרייט א גרויסע סעודה לכבודו פונעם גרויסן גאסט, און פארשטייט זיך אז בייַ די סעודה האבן זיך צוזאמען געקומען אלע חשוב'ע אידן פון שטאט און בתוכם אויך אלע עשירים, וואס זענען געקומען מקבל פנים זיין די הייליגע ריזונ'ער.

די קאסוב'ע רב האט מכבד געווען די ריזונ'ער צו זאגן דברי תורה, און אים אויך געבעטן אז ער זאל אנווארעמען די עולם אז זיי זאלן שטיצן די ארימעלייט, האט די ריזונ'ער געזאגט, אז עס שטייט אין פסוק 'כי לא יחדל אביון מקרב הארץ וגו' על כן אנכי מצוך לאמר פתוח תפתח את ידך וגו'', איז שווער אויף דעם, ווען עס שטייט ווען אין פסוק אז אויב מען גייט טיילן צדקה גייט זיך אויפהערן די עניים, און אלע גייען האבן פרנסה בהרחבה, דעמאלטס וואלטן אלע עשירים געהאט א סאך א גרעסערע געפיל צו טיילן צדקה, ווייל נאך אביסל גייט מען שוין נישט דארפן טיילן, אבער למעשה זאגט די פסוק פארקערט, אז ווייל עס גייט זיך נישט אויפהערן די עניים וועגן דעם זאל מען טיילן צדקה, נאר וואס וויל די פסוק זאגן דא, אז די רייכע מענטשן קענען זאגן אז וואס גייט מיר אהן וואס עס גייט פאר מיט די ארימעלייט, זאלן זיי שטארבן פון קעלט אדער הינגער ח"ו, למעשה איך האב דאך יא עסן און הייצונג, וועגן דעם זאגט די פסוק אז וויבאלד עס גייט אייביג זיין עניים אויף דעם וועלט, וועגן דעם זאלן די עשירים שפייזן די עניים כדי זיי זאלן בלייבן לעבן, ווייל אויב אלע עניים גייען אויסשטארבן פון הונגער און קעלט, גייט די אייבערשטער מוזן נעמען אביסל פון די עשירים און זיי מאכן פאר עניים.

# מאור התורה

ציצים ופרחים על עניני הפרשה

ווען די עשירים האבן דאס געהערט האבן זיי גלייך געעפענט זייערע טאשן און אנגעהויבן טיילן געלט פאר די ארימעלייט.

*

עס איז געווען א איד א גרויסן עושר, וואס האט נישט ליב געהאט צו טיילן צדקה, ער האט געשטעלט א גרויסע הינט אין פארנט פון זיין הויז אז קיינער זאל נישט קענען קומען צו זיין טיר קלאפן, אזוי איז אנגעגאנגען פאר יארן לאנג.

דער איד האט שטארק געליטן אויף די הארץ, און ער פלעגט כסדר חלש'ן ל"ע, און ער האט כסדר געדארפט פארן צו דאקטוירים. זיינע חברים האבן אים גע'עצה'ט צו פארן קיין קערעסטיר צו הרה"ק רבי ישעי'לע מ'קערעסטיר זי"ע, און ער וועט אים זיכער קענען העלפן, דער עושר האט קיין סאך תורה ומצות נישט געהיטן, האט ער זיך קודם צוריק געהאלטן פון גיין, אבער נאך א שטיק צייט האט ער געזעהן אז ער האט נישט קיין אנדערע עצה נאר צו גיין און זעהן צו די צדיק קען אים העלפן, ווען דער איד איז ארין געקומען צו רבי ישעי'לע, האט אים רבי ישעי'לע געפרעגט צו ער גיבט צדקה פאר ארימעלייט, האט דער איד פארביטערטערהייט מודה געווען אז ער האט נאך אין זיין לעבן קיינמאל נישט מקיים געווען די מצוה פון צדקה, האט אים ר' ישעי'לע געזאגט אז עס שטייט אין פסוק "ולא ירע לבבך בתתך לו" - אז ווען מען גיבט צדקה טוט די הארץ נישט וויי, האט דער עושר געפרעגט, וויפיל איז די שיעור פון צדקה, האט ער אים געענטפערט אז וויפיל די עני זאגט אז ער דארף זאל מען אים געבן און נאך צוליי"גן א שיינעם סכום.

דער איד האט פארשטייט זיך מקיים געווען וואס ר' ישעי'לע האט אים געהייסן, און ער האט אוועק גענומען די הינט בייַ זיין הויז, און אנשטאטס דעם געלייגט דארט א גרויסע טאוול וואס איז געשטאנען דארט 'כל עני הנצרך לנדבה יכנס הביתה', און ער האט אנגעהויבן טיילן אסאך צדקה, און פון דעמאלסט און ווייטער איז די גאנצע מחלה פון זיין הארץ פארשוואונדן געווארן.



# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיודה"ל חל בשבוע הבעל"ט

## הרה"ק מרן רבי מרדכי מדעמעטשער זי"ע

**די קומענדיגן זונטאג, ל' אב, א' דר"ח אלול, געפאלט אויס די יומדל"ק פון הרה"ק מרן רבי מרדכי סג"ל לאווי זי"ע אבדק"ק דעמעטשער. אביו של רביה"ק זי"ע, וזקינו הגדול של יבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א.**

### ואלה מתולדותיו

דער דעמעטשער רב זי"ע איז געבוירן אין יאר תרמ"ט לפ"ק, צו רבינו הסב"ק זי"ע.

זייענדיג פופצן יאר אלט, איז דער דעמעטשער רב א חתן געווארן בזיווו"ר מיט הרבנית הצדיקת מרת רבקה ע"ה, בת הגה"צ ר' ישראל מרדכי אדנשטיין זצ"ל וועלכע איז געווען אבדק"ק קערעסטיר.

דער דעמעטשער רב האט אין יאר תרע"ט ווידער חתונה געהאט, דאן מיט הרבנית הצדיקת מרת צירל בת הגה"צ רבי יעקב פעקעטע זצ"ל, וועלכער איז געווען דומ"ץ דק"ק נירבאטור.

דער דעמעטשער רב האט זיך פאררעכנט ווי א תלמיד חביב פון זיין הייליגן פעטער דער באר מנחם פון קאלוב זי"ע, לערנעדיג פון אים פלפולים דאורייתא אין די ימי הבחרות.

א געוואלדיגע תשוקה פלעגט דער דעמעטשער רב פארמאגן ביים ארומפארן צו צדיקי דורו, און פארוויילן ביי זיי באור קדושתם. צווישן זיי האט דער דעמעטשער רב זוכה געווען צו באזוכן, ביי זיין פעטער, דער בני שלישים פון קאסאן, רבי יעקב משה מ'קאמארנא, רבי מאניש מ'קאמארנא, רבי פנחס נתן מ'רודניק, רבי מרדכי מ'נאדבורנא, זכותם יגן עלינו.

דער דעמעטשער רב האט באקומען "סמיכת הוראה" ביי די גדולי גאונים אין זיין דור, צווישן זיי הגאון המהרש"ג אבדק"ק סעמיהאלי זי"ע, און פון זיין פעטער דער באר מנחם זי"ע, און פון הגה"צ אבדק"ק נירבאטור זי"ע, און נאך.

א זעלטענע גוטע כח הסברה האט דער דעמעטשער רב פארמאגט, קענענדיג מסביר זיין די שווערסטע סגיות הש"ס מיט א קלארקייט, און גרונטליך ארויסהאבן שווערע סברות אז אפילו אנדערע זאלן עס קענען קלאר פארשטיין.

נישט בחנם פלעגט דער דעמעטשער רב פירן די גרעסטע דיני תורה פון איבער גאנץ אונגארן, אלעס בהשכל ובדעת, מיט זיין שכל הישר, בדרך שלום ושלוה, אן קיין קריגערייען.

טראץ דעם וואס דער דעמעטשער איז געווען באקאנט זייענדיג א אדם השלם, ומעוטר בכל המעלות, און זיין נאמען האט געש'מט ווייט ווייט, איז ער אבער געווען א בורח מן הכבוד, און אנטלאפן פון יעדעס פינטל כבוד. ער פלעגט אפזאגן אסאך גרויסע שטעט וועלכע האבן געוואלט ער זאל קומען דינען אלץ רב, כדי ער זאל קענען זיצן און לערנען רואיגערהייט, און דינען דעם אויבערשטן.

דעם געוויעם דאטום ווען די פטירה פונעם דעמעטשער רב געפאלט אויס איז נישט באקאנט, צוליב דעם וואס ער איז אומגעברענגט געווארן על קידוש השם דורך די רשעים ימ"ש. אבער רביה"ק האט קובע געווען די יארצייט אויף דעם טאג א' דר"ח אלול.

### די תורה איז נישט קיין קענטעניס

דער דעמעטשער רב פלעגט לעבן א אפגעזונדערטע לעבן פון אלע גשמיות, און פלעגט זיין שטענדיג אין א העכערקייט, און דינען דעם אויבערשטן בכל כוחו, אלע שעה'ן פון טאג.

ער פלעגט זיך שטענדיג אויסדריקן "די תורה איז נישט קיין קענטעניס, ס'דארף זיין תורה מיט יראת שמים בקדושה וטהרה"...

### א גוי קען נישט מוחל זיין

דער דעמעטשער רב פלעגט אלעמאל זיכער מאכן אז זיינע קינדער און תלמידים פירן זיך אויף מיט "מדות טובות", ובפרט אז מען דערווייטערט זיך פון כעס און הקפדה אויף א צווייטן איד. ער פלעגט שטענדיג זאגן "א גוי קען נישט מוחל זיין", מיינענדיג דערמיט ארויסצוברענגען דאס אינטערשייד צווישן א איד און א גוי.

### אונטער א שעה קען איך נישט מקצר זיין...

ווען דער דעמעטשער רב איז אויפגענומען געווארן אין שטאט דעמעטשער אלטס רב ואב"ד, האט ער ביים ערשטן דרשה געדרשנ'ט פאר א משך פון דריי גאנצע שעה. די שטאטלייט זענען דערנאך געגאנגען זאגן אז זיי זענען נישט געוואוינט צו אזעלכע לאנגע דרשות און פלפולים, און אז דער רב זאל פון היינט און ווייטער פאר'קורצר'ן, און נישט דרש'נען אזוי לאנג.

דעם קומענדיגן טאג האט דער דעמעטשער



רב ווידער געהאלטן א דרשה, און געהאלטן ווארט, און גערדשנ'ט נאר פאר צוויי שעה. נאך עטליכע טעג זענען די שטאטלייט ווידער געגאנגען זיך בעטן אז צוויי שעה איז אויך אסאך פאר זיי, און דער דעמעטשער רב זאל פרובירן צו מקצר זיין מיט די דרשות. האט זיך דעמעטשער רב אנגערופן: "גוט, איך וועל דרש'נען א שעה, אבער וויסן זאלט עטס, אונטער א שעה קען איך נישט מקצר זיין"...

## שמור וזכור על דיבו"ר אחד

איינע פון די הויעכע מדריגות וואס דער דעמעטשער רב האט פארמאגט, אז ער פלעגט היטן זיין הייליג מויל אויף א זעלטענעם פארנעם.

רביה"ק זי"ע פארציילט אז זיין הייליגער פאטער האט קיינמאל נישט ארויסגערעדט פון זיין מויל קיין איבריג ווארט, דורכאויס זיין גאנץ לעבן. חוץ ווען עס איז געקומען צו זאגן מוסר ודברי תורה פאר זיינע קינדער, דאן האט זיין מויל געפלאסן מיט פערל רייד, מיט א גרויסע התלהבות מתוך לבו הטהורה למען כבוד יתברך.

## זיין אומשאצבארע עבודת התפלה

די געוואלדיגע "עבודת התפלה" וואס דער דעמעטשער רב האט אפגעראכטן בשעת ווען ער האט זיך שופך שיח געווען פארן מלך מלכי הקדוש ברוך הוא, איז עפעס וואס מיר קענען נישט באגרייפן.

ווער ס'איז געשטאנען נעבן דעם דעמעטשער רב ביים דאווענען איז נתעורר געווארן און נתרגש געווארן פון די נעימות'דיגער קול, און פון די השתפכות הנפש, עס איז געווען בבחינת כל עצמותי' תאמרנה.

ווען דער דעמעטשער רב האט געדאווענט, זענען הונדערטער מענטשן זיך געשטעלט ארום אים, ביז דער ביהמ"ד איז שוין געווען פול פון ברעג צו ברעג, דאן האט זיך דער שטראם נישט אפגעשטעלט, נאר מען האט זיך געשטעלט אינדרויסן צו מיטהאלטן דעם זעלטענעם עבודת התפלה.

א אינטערעסאנטע אנקדאט ווערט צוגעצייכנט צום "עבודת התפלה" פונעם דעמעטשער רב. ווען ער פלעגט פאהרן אויף די ימים נוראים צו זיין פאטער דער סב"ק זי"ע, און פלעגט דאווענען פאר'ן עמוד, פלעגן מענטשן פון די ארומיגע געגענטער ספעציעל קומען הערן וויאזוי דער דעמעטשער רב דאווענט. אויף אזוי וויט האט זיין "עבודת התפלה" אפגעשמ'ט ווייט.

## חטאנו צורנו סלח נא יוצרנו

עס ווערט געברענגט, אז אינעם הייליגסטן טאג פון יאר, יום הקדוש אויפדענאכט, ווען דער דעמעטשער רב פלעגט זאגן דעם פסוק "חטאנו צורנו סלח נא יוצרנו", פלעגט זיך זיין אטעם אפשטעלן, פון גרויס פחד און שרעק וואס האט אים דאן באנומען, ביים זאגן די ווערטער. עס האט געדויערט לאנגע מינוטן ביז ער איז צוריק צו זיך געקומען, און געקענט פארזעצן צו דאווענען.

## ונסיים מדברי זכרון של רביה"ק זי"ע

עס איז כדי צו מסיים זיין די וואך דעם מאמר, מיט דברי זכרון וואו רביה"ק רעדט מיט געגועים פון זיין הייליגער פאטער, דער דעמעטשער רב, ווי עס ווערט געברענגט אין עבו"ע שיח"ק ח"א.

''אילו יכולתי לפרט פרטים ממנו, הייתי מסביר לכם את מהותו, אבל באמת אין שייך לי להסיר לכם ולספר פרטים, כי מכל תנועה מתנועותיו יכלו ללמוד תורה שלימה ואין שייך לי להסביר זאת בדברים''.

## זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן



# לוח היארצייטן

יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

### זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| ל' אב | הרה"ק רבי מרדכי בן רבינו הסב"ק מרן אלימלך סג"ל זי"ע הי"ד - אבד"ק דעמעטשער | תש"ד |

### זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| א' אלול | הרב החסיד ר' בנימין זאב בן ר' אליהו ע"ה צ"ג | תשפ"ב | ביה"ח בשיכון סקווירא |
| ג' אלול | הרה"צ רבי מאיר בהרה"צ ר' יצחק אייזיק זצ"ל ראזענבוים מ'זוטשקא קאראקס | תשפ"א | בארץ ישראל |
| ד' אלול | האשה החשובה מרת צירל בת ר' שמואל מאיר ע"ה טירנויער<br>אשת הרה"ג ר' אלימלך שליט"א | | ביה"ח בניו דזערסי |
| ה' אלול | האשה החשובה מרת אסתר בת ר' אלכסנדר ע"ה דייטש<br>אשת הרה"ח ר' יעקב יודא ע"ה | | |

בעזהשי"ת

נעלה את ירושלים על ראש שמחתנו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון • וקול שמחה • קול חתן • וקול כלה

ברוב שבח והודאה להשי"ת שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה
הננו מתכבדים בזה להזמין את מעלת כבודכם לבוא ולהשתתף
בשמחת כלולת בנינו היקרים שיחיו

הבחור החתן המופלג בתוי"ש
**יצחק אייזיק** נ"י
עב"ג
הכלה הבתולה המהוללה
**מינדל** תחי'

שתתקיים אי"ה למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום ג' לס' "למען יאריך ימים על ממלכתו הוא ובניו בקרב ישראל" (שופטים)
ב' אלול תשפ"ה לפ"ק הבעל"ט (ולמספ' AUG. 26)

קבלת פנים בשעה 6:30   חופה בשעה 7:30

באולם כתר ריזל
220 WILSON STREET, BROOKLYN, NY

ואי"ה ביום שמחתכם ישמח לבנו גם אנו בל"נ
ידידיכם המצפים לקבל פניכם באהבה ובשמחה

הורי החתן
אלימלך קרויס וב"ב
ברוקלין יע"א

הורי הכלה
חיים אברהם מאיר ווייס וב"ב
ברוקלין יע"א

---

בעזרת השם יתברך

נעלה את ירושלים על ראש שמחתנו
קול ששון • וקול שמחה • קול חתן • וקול כלה

ברוב שבח והודאה להשי"ת
מתכבדים אנו להזמין את כבודכם
להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים

הבחור החתן המופלג בתוי"ש
**אברהם משה דוד** נ"י
עב"ג
הכלה הבתולה המהוללה
**שרה לאה** תחי'
בת המנוח ר' יעקב ע"ה

שתתקיים אי"ה למזל טוב בשעה טובה ומצלחת
ביום א' פרשת שופטים א' דר"ח אלול תשפ"ה לפ"ק
קבלת פנים בשעה 6:30   החופה בשעה 7:30
הסעודה אחר החופה
באולם החדש
1371 51ST STREET, BROOKLYN, NEW YORK

ידידיכם המצפים לקבל פניכם בשמחה

הורי החתן
אליעזר זוסיא ווייס וב"ב
אסתר צירל ווייס

אם הכלה
חיי זיסל בערגער

---

ל

בעזרת השם יתברך

נעלה את ירושלים על ראש שמחתנו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון | וקול שמחה | קול חתן | וקול כלה

בשבח והודאה להשי"ת שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה
מתכבדים אנו בזה להזמין את כבוד קרובינו וידידינו
לבוא להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים שיחיו

הבחור החתן המופלג בתוי"ש
**אברהם נתנאל** נ"י
עב"ג הכלה הבתולה המהוללה
**נעכא רבקה** תחי'

שתתקיים בעזהשי"ת למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום א' לסדר "למען יאריך ימים על ממלכתו" (שופטים)
ל' אב (א' דר"ח אלול) שנת תשפ"ה לפ"ק הבעל"ט
למספרם AUGUST 24
קבלת פנים בשעה 6:00   והחופה בשעה 7:00

באולם בית צירל - קרית טאהש
251 Rue Beth-Halevy Boisbriand, QC J7E 4H4

ואי"ה ביום שמחתכם ישמח לבנו גם אנו בל"נ
ידידיכם המחכים לקראת בואכם לשלום

אם החתן
סימא ליעבערמאן
אשת הרה"ג ר' משה יודא לייב זללה"ה
קרית טאהש יצ"ו

הורי הכלה
ישראל מרדכי
זוסמאן וב"ב
קרית טאהש יצ"ו

---

בעזהשי"ת

נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון וקול שמחה
קול חתן וקול כלה
בשבח והודי' להשי"ת
שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה
מתכבדים אנו ברגשי כבוד וידידות להזמין את מעלת כבודכם
לבוא ולהשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים

החתן המופלג בתוי"ש
**אברהם יחיאל** נ"י
עב"ג
הכלה החשובה
**לאה** תחי'

שתתקיים בעזהשי"ת למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום א' פרשת שופטים
א' דראש חודש אלול תשפ"ה לפ"ק הבעל"ט
ולמספרם AUGUST 24
קבלת פנים בשעה 5:30   והחופה בשעה 6:00
ברכת המזון בשעה 8:30
שמחת חתן וכלה בשעה 9:00

באולם אהלי פריידא
1341 37TH STREET BROOKLYN NY

ואי"ה בשמחתכם ישמח לבינו גם אנו
ידידיכם המחכים לקראת בואכם לשלום

הורי החתן
מנחם מענדל הערשקאוויטש וב"ב

הורי הכלה
יונתן בנימין הלוי עהרליך וב"ב

תפארת בנים אבותם
נח יודא הערשקאוויטש וב"ב
הרב שלמה הערשקאוויטש וב"ב
חנה עהרליך
אשת הרה"ח ר' חיים דוד ע"ה
שמואל פעלדמאן וב"ב

---

אל מעלת כבוד חברינו וידידינו הנאמנים, אנשי שלומינו תלמידי
וחסידי כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע, ויבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א.

**נתכבד בזה להזמינכם לבוא ולהשתתף ולהתעלס באהובים בעת שמחת נישואי צאצאינו היקרים, בזמן ובמקום המוגבל הנ"ל, ובעזרת השם בעת שמחתכם ומועדיכם ישמח לבנו גם אנו.**

המחותנים


ארייצוליגן
אייער הזמנה
ביטע רופט
אריין צום
מערכת
**718.451.8674**
עקסטענטשן
840

# באור התפילה

נכתב ע"י ועד מורא מקדש דקהל אור החיים דטאהש

עס איז ברייט באקאנט די ווערטער פונעם הייליגן עבודת ישראל זי"ע וואס ער שרייבט (עבודת ישראל, אבות פ"ה מ"ה) "ווען מ'שמועסט אין ביהמ"ד שטופט מען ארויס די שכינה הקדושה, און עס קען אפילו זיין אז די תפילה פון אנדערע אידן וואס דאווענען מיט כוונה זאל נישט ווערן אנגענומען ר"ל".

לאמיר אונז זיך פארשטעלן, כאילו א איד חלש'ט ל"ע, און איינער כאפט א טעלעפאן צו רופן הצלה, קומט איינער און גיבט א האק אראפ דעם טעלעפאון. אדער א איד וואס דערטרונקט זיך אין חובות און ער רעדט מיט איינעם וואס קען אים העלפן, קומט איינער און גיבט א האק אראפ די טעלעפאן. אדער חלילה א פארפאלק וואסווארט שוין יארן פאר קינדער און מ'רעדט צו עפעס א וועלט'ס עסקן וואס קען ערלעדיגן א באזון ביי א בארימטע פראפעסער, קומט איינער און גיבט א האק אראפ די טעלעפאן.

קען א אידישע הארץ צולאזן אזא זאך? קיין שום אידיש קינד וועט דאך נישט טון אזא זאך.

לאמיר אבער אריינטראכטן אין די ווערטער פונעם קאזניצ'ער מגיד זי"ע, לויט זיינע דיברים קומט אויס, אז ווען א איד האט חלילה א צרה, און ער קומט אריין א איד אין ביהמ"ד און גיסט אויס זיין הארץ פאר'ן הייליגן באשעפער, און דאן שטייט א צווייטער און שמועסט, קענען זיינע תפלות נישט ווערן אנגענומען, און מ'שטערט א אנדערע איד פון ווערן געהאלפן פון זיין צרה.

זעלבסט פארשטענדליך איז אז ווען עס איז דא גבאים וואס געבן אכטונג אז קיינער זאל נישט רעדן, איז דאס אוודאי ממתיק די דינים.

דעריבער לאמיר זיך שטארקן אין קדושת ביהמ"ד, און דער אייבערשטער זאל מקבל זיין תפלות ישראל ברחמים וברצון, והשב את העבודה לדביר ביתך, בביאת גוא"צ, ומלכינו בראשינו, בב"א.



# אהלי מלכים

פסקי הלכות וואס זענען נוגע ווען מ'האט קינדער אינדערהיים
מתוך הספר שיצא לאור
ע"י הרה"ג ר' יחיאל מיכל ישעי' מאסקאוויטש שליט"א חדב"ן מו"ץ

אזוי ווי עס קומען די הייליגע טעג וואס מ'טוט מפשפש זיין במעשים, און וויבאלד ס'דא אסאך אידן וואס עס קומט זיי אויס נאר איינמאל צו לערנען די הלכות און דאס איז פאר די בר מצוה, איז כדאי נאכאמאל איבערצוגיין די הלכות פון די הייליגע מצוה פון תפילין וואס זענען נוגע יעדן איינציגן טאג.

## חיוב הנחת תפילין

דער הייליגער תורה האט געהייסן אז יעדער איד דארף לייגן תפילין יעדן טאג[1].

מ'ווערט מחויב מיט די מצוה פון לייגן תפילין פון ווען מ'גייט אריין אין די פערצנטע יאר[2]. און אונזער מנהג איז אז א בחור טוט אן תפילין פון ווען ער ווערט 13 יאר און נישט פארדעם[3], (ס'דא וואס פירן זיך צו מחנך זיין קטנים עטליכע וואכן פארדעם[4]).

רביה"ק זי"ע האט מיעץ געווען, אז בחורים זאלן אויך לייגן ר"ת תפילין, פון די בר מצוה[5].

## גרויסקייט פונעם מצוה

ס'נישטא אזא גרויסע מצוה ווי מצוות תפילין[6].

ס'שטייט אין זוהר הקדוש אז די מצוה פון תפילין איז שקול (ס'איז אויפן זעלבן שטאפל) קעגן אלע תרי"ג מצות[7].

שטייט אין גמרא אז ווען מ'לייגט תפילין איז מען מקיים 8 מצוות, 4 מצוות פאר די של יד, און 4 מצוות פאר די של ראש[8]. ס'דא וואס שרייבן אז די 8 מצוות עשה איז מען מקיים יעדע רגע וואס מ'האט עס אן[9].

ד. שטייט אין ספרים הק' אז מ'זאל לייגן תפילין מיט שמחה, מ'זאל זיך פרייען מיט די מצוה[10].

## שכר פון מצוות תפילין

דער וואס לייגט תפילין איז מאריך ימים, ער איז מובטח אז ער איז א בן עולם הבא, גיהנום איז נישט שולט אויף אים, זיינע עבירות איז מען מוחל[11], און כף זכות ווערט איבערגעוואויגן[12], ער איז זוכה צו תחיית המתים[13], ס'איז כאילו ער איז עוסק בתורה בייטאג און ביינאכט[14], ס'איז כאילו ער האט מקיים געווען אלע תרי"ג מצוות[15], מיט דעם זכות איז מען זוכה אריינצוגיין אין ארץ ישראל[16], דורך דעם איז מען זוכה צו די גאולה[17], איז מען זוכה צו א צלם אלקים[18], עס צוברעכט דעם יצר הרע[19].

---

1 וקשרתם לאות על ידיך והיו לטוטפות בין עיניך.

2 רמ"א (סי' לז ס"ג) 'וי"א דהאי קטן דווקא שהוא בן י"ג שנים ויום אחד וכן נהגו ואין לשנות' והוא כי כתב העיטור (הלכות תפילין ח"ז סא ע"ג) מסתברא לן דהאי קטן גדול בן י"ג שנה ויום אחד הוא והביא ראיה לדבריו וממשיך הבית יוסף (סי' לז ס"ג) ואינה כדאי להוציא הברייתא מפשוטה דמשמע דקטן ממש קאמר וכן נראה דעת כל הפוסקים שכתבו קטן סתם דמשמע דבקטן ממש מיירי. אבל הד"מ כתב שהמנהג כבעל העיטור.

הלכה למשה מסיני. כ"כ שו"ת הרא"ש (ריש כלל טז) 'דע כי הלכה למשה מסיני הוא'; ושו"ת מהרי"ל (סי' נא); וראה רש"י (נזיר כט: ד"ה רבי סבר); מגן אבות לרשב"ץ (אבות פ"ה מכ"א).

ברש"י (נזיר כט: ד"ה ור' יוסי) כתב: 'ואיש הוי מבן יג שנה ולא פחות שלא מצינו בכל התורה שיהא קרוי איש בפחות מבן יג אבל בבן י"ג מצינו שקראו הכתוב איש כדכתיב (בראשית לד כה) ויקחו שני בני יעקב שמעון ולוי איש חרבו, וגמירי שמעון ולוי בההיא שעתא בני י"ג שנה הוו, והרוצה לחשוב יצא ויחשוב', וכ"כ באבות (פ"ה מכ"א): 'בן שלש עשרה למצות דכתיב איש או אשה אשר יעשו מכל חטאות האדם וגו' ואינו קרוי איש עד שהוא בן שלש עשרה וכדאשכחן התם ויקחו שני בני יעקב שמעון ולוי אחי דינה ואז היה לוי בן שלש עשרה שנה כשתחשוב ב' שנים שעשה יעקב בבית אל'.

יש שציינו מדרש הדורש זאת מהפסוק (ישעי' מג כא) 'עם זו יצרתי לי תהלתי יספרו' 'זו' בגימ' שלש עשרה ואז 'תהלתי יספרו'; ארחות חיים (לוניל הל' תפילה אות עג); ושו"ת מהרי"ל (שם).

3 אות חיים (סי' לז סק"ה) 'שמעתי בשם קדוש אחד מדבר זי"ע הטעם שראוי לנהוג כהרמ"א בזה (ולא כהמ"א) ולהניחן ביום יג ויום אחד, כי התרגשות הנפש שבא להבר מצוה בעת שהגיע לשנת הי"ג שנים ויום אחד הוא קדושת אלקי ממעל בעת שבא לו אז היצר טוב כנודע וכו', ובהניחו אז התפילין מרגיש ביותר הארה ויראה בדבר קדוש, הבא מן החדש, ודבר בעתו מה טוב, משא"כ כשמניחן כבר ב' או ג' חדשים מקודם, והרי אז אצלו כבר (בשעת שנכנס לחיוב) כדיוטגמא ישנה. הגם שאמרו חז"ל בכל יום יהיו בעיניך כחדשים (וכזה סיפר לי אאמו"ר הקדוש זי"ע כי בשעה שנעשה בר מצוה והתחיל להניח תפילין, בא אז על הסעודה לקהלת סטריזוב אבי זקינו הרב הקדוש אבד"ק לאנצהוט זי"ע בעל ספר יודעי בינה והגיד אז בזה מה שאנו רואין בחוש את הרגש קדושה שיש להבר מצוה בעת הנחת תפילין כי הוא דבר חדש אצלו וכו')'.

מנהג טאהש. וכן הזהיר רביה"ק זי"ע, שלא יניח קודם י"ג שנים שלימות, וגם כשנעשה בר מצוה ביו"ט או בחוה"מ מניח באסרו חג, הליכות הלוי (עמ' קכט), וכן הוא ובשלחן הטהור (סי' לז ס"ד) 'קטן אסור להניח תפילין אלא ביום דמשלים ליה י"ג שנה ויום אחד', ובזר זהב (סק"ג) 'וכן הוא עפ"י קבלת אור שבעת הימים מרן האלקי האריז"ל וכן צוה לנהוג מורי דודי רבינו צבי מזידיטשוב ואסור לשנות כי הוא פגם גדול'; ובספר הדרת קודש (עמ' יג אות טו) בשם הרה"ק מהר"ש מבעלזא זי"ע, וכן כתב בשו"ת יגל יעקב (או"ח סי' ז) שלא להתחיל בחוה"מ אם נעשה בר מצוה בחוה"מ כיון שמנהגו שלא להניח תפילין בחוה"מ וכן לא קודם שבת ויו"ט אם נעשה בר מצוה בשב"ק רק להתחיל אחר שבת ויו"ט ומביא שכן ראה בסידור כתר נהורא (בארדיטשוב הנדפה מחדש בפרעמיסלא) נקרא נתיב מצותיך במאיר נתיב (פ"ח סי' ג' עמ'ח 15) שם מובא מס' הדרת קודש בשם הגה"ק ר"ש מבעלזא זי"ע שלא להניח תפילין אפי' כשחל בש"ק ביום שלפניו, רק ביום א' שאחריו, (רק שיברך בברכה"מ בפני עשרה) ומביא כן גם מהגה"ק הבנ"י מ'דינוב זי"ע.

מנהג בעלזא. אכן מנהג בעלזא דכשחל הבר מצוה בשבת או יו"ט מקדימין להניחם בפעם הראשונה בער"ש ועריו"ט (ויגדל הילד עמ' יח), וכן אם חל הבר מצוה בחוה"מ מתחילין להניחם בפעם הראשונה בעריו"ט (ועי' שו"ת תשובות והנהגות (ח"ג סי' יב), ועי' בשערי שלום על קיצושו"ע (סי' י ס"ק קפד במבשר שלום) שכן נהגו האדמורי"ם מבעלזא זי"ע (וזה שלא כמ"ש לעיל בשם מהר"ש מבעלזא).

ומנהג בעלזא שאין מתחילין בהנחת תפילין לבר מצוה בערב פסח רק יום לפני ערב פסח, כדי שיהיו בישוב הדעת ומברכין עליה. ויגדל הילד (עמ' יט).

4 כן מנהג סקווירא להקדים לחנכם חודש אחד לפני שנעשה בר מצוה, ושכן הוא בערוה"ש (ס"ד), וכשיש סיבה מקדימים יותר מחודש, אבל אם יש סיבה שאיחרו זמן ולא יתחיל עד חודש קודם הבר מצוה אז ממתינים על יום שנעשה בר מצוה כיון שאיחרו ההכנה שוב ממתינים על מה שכתב הרמ"א 'וכן נהגו ואין לשנות'.

5 עפ"י היכל הברכה (וירא) דמי שאינו מניח תפילן דר"ת הוי קרקפתא דלא מנח תפילין ובשלחן הטהור (סי' לד ס"א ובזר זהב אות כ).

6 שועה"ר (סי' לז ס"א).

7 כף החיים (סי' לז סק"ב) 'ואמרו בזוהר (פנחס) שהיא שקולה כנגד כל המצות'.

8 מנחות (מד:), וברמב"ם (פ"ד סכ"ו) 'כל שאינו מניח תפילין עובר בשמונה עשה, שהרי בארבע פרשיות צוה על תפילין של ראש ועל תפילין של יד'.

9 חידושי הגר"ח הלוי (מנחות מ:).

10 זוהר חדש (שיר השירים ח:) 'מאן דמנח תפילין איצטריך לחדי', ילקוט אוהב ישראל (דברים) 'לעשות המצוות בשמחה, שיבין שיהיו מוטעמין, כי אינו דומה הנחת תפילין של זה, להנחת תפילין של זה, כמשל הרוקח שיודע להטעים התבשיל היטב יותר ויותר מרוקח אחר, הגם שזה נותן בה בשר טוב וגם זה'. אכן במור וקציעה (סי' כז) כתב 'שהתפילין מביאים לאדם שמחה יתירה'.

11 טור (או"ח סי' לז), שו"ע (לז ס"א, ומ"ב (סק"ד).

12 פסקי הרא"ש (שבת מט.; הלכות קטנות סי' כח).

13 שער הקדושה (מהרח"ו), כד הקמח (לרבינו בחיי ערך תפילין) 'וזה רמז לכל מי שהוא ירא שמים ומניח תפילין שהוא זוכה לתחית המתים'.

14 מדרש תהילים (פ"א יז): 'אמרו ישראל לפני הקב"ה רבש"ע אנו רוצים להיות יגיעים בתורה יומם ולילה, אבל אין לנו פנאי, אמר להם הקב"ה קיימו מצות תפילין ומעלה אני עליכם כאילו אתם יגיעים לילה ויום'.

15 ראשית חכמה (שער הקדושה פ"ו).

16 קידושין (לז:) עשה מצוה זו שבשבילה תיכנס לארץ.

17 דרשות מהר"ח אור זרוע (סי' לא): 'ובשכר התפילין ה' יקרב הגאולה'.

18 זוה"ק (ח"א יד. תיקון מז דף פג:).

19 מדרש שמות (פכ"ה). 'ציונו הקב"ה שיתן התפילין על צד שמאל כדי לשבר את יצר הרע'; תנא דבי אליהו רבה (פכ"ו) אמר הקב"ה למשה מפני מה חלל זה את השבת אמר משה לפניו, רבש"ע, איני יודע, א"ל הקב"ה למשה אני אומר לך, כי בכל ששת ימי חול יש לו לישראל תפילין בראשו ובזרועו ורואה אותם וחוזר ממעשיו, אבל עכשיו ביום השבת שאין לו תפילין בראשו ובזרועו לכן חלל זה את השבת'.

איבערצוגעבן אייער בריוו
שיקט א בריוו אויף
פאסט
11 Van Buren Dr. #305
Monroe, NY 10950
שיקט א
פעקס
877.760.0544
לאזט א מעסעדזש אויף
קול איחוד
718.451.8674
Ext. 841

## וויכטיגקייט פונעם אפטיילונג מאנ"ש לאנ"ש

איך וויל זיך זייער באדאנקען פאר די חשוב'ע עסקנים וואס לייגן אריין אזויפיל כוחות ארויסצוגעבן אזא שיינע גליון באור החיים, וואס איז סיי פיל מיט הערליכע מאמרים תורות וסיפורים, און סיי דינט עס אלס פאסיגע און היימישע שופר פאר אונז טאהש'ע תלמידים וחסידים, זאל עס זיין מיטצוהאלטן וואס ס'טוט זיך אפי' ווער עס וואוינט נישט אין הייליגן שטאט, זאל עס זיין פיל מיט הדרכות וענינים ברוחניות ובגשמיות וואס איז נוגע פאר א טאהשע איד צו וויסן, און לעצטנס ווען עס האט נאכאמאל אויפגעלעבט די וויכטיגע אפטיילונג פון חסידים שמועסן מאנ"ש לאנ"ש, וואס חברים וידידים און כלל אנשי שלומינו קענען סיי הערן וואס אנדערע טאהשע אידן האבן צו זאגן, און אויך אליינס צוגעבן אייגענע ידיעות ווען מ'האט עפעס וואס צוצולייגן, אדער ווען מ'פילט אז מ'וויל רעדן פון א וויכטיגער ענין, וואס דאס אלעס העלפט בויען א קשר און א געמיינזאמע אחדות צווישן זיך.

די לעצטע פאר וואכן דא אין מאנ"ש לאנ"ש אפטיילונג איז געגאנגען פייער פון די באלאטעס איבער דעם ענין פון דעם רבינ'ס מיינונג בנוגע אוועקשיקן די קינדער אין אנדערע ישיבות. ביי מיר איז עס אפשר נאכנישט עכט נוגע פערזענליך, וויבאלד איך בין נאך א אינגערמאן מיט קלענערע קינדער, און ממילא וויבאלד איך האב נאכנישט די נסיון קען איך בכלל נישט עכט ארייינרעדן אין דעם נושא.

איך וועל טאקע נישט זאגן א דעה דערין, איך וויל אבער א פשוט ארויסברענגען הויער א מציאות וואס לאזט נאך שפירן פאר די גאנצע שטעטל. למעשה וואוין איך דא אין טאהש, און אפי' דער וואס וואוינט נישט דא קומט כסדר צו גאסט, און ב"ה ווען ס'ווערן נתרבה ספסלי בית המדרש אין ישיבה, מאכט עס אויס אויפן גאנצן ערנסטקייט פונעם שבת בהיכלא דמלכא, די גאנצע דאווענען, דעם לכו נרננה, די תהלים שב"ק אינדערפרי, די אז ישיר פסוק בפסוק שבת ביים דאווענען, די טיש, די זמירות ביי שלש סעודות, אלעס איז אינגאנצן אנדערש. ס'דערקענט זיך די חילוק און מ'שפירט ווי די בחורים דערהייבן די גאנצע שטעטל, און אלעס מאכט אויך שטארק אויס לויט וויפיל עס ווערט נתרבה החבורה, ממילא מאכט אויס פאר יעדעם איינעם, אויך יעדע בחור באזונדער וואס האלט מיט און לערנט דא ביני עמודי דגירסא בישיבה של רבי.

און צום שליס נאכאמאל א דאנק פאר די מערכת. מ'קען זאגן אז די גליון האט א שטארקע חלק אין הרבצת התורה און העלפט טאקע מרבה זיין ספסלי דביהמ"ד, ווייל די גליון איז ווי דעם רבינ'ס שופר ווי שוין געשמועסט פריער, און דורך די אחדות'דיגע שמועסן דא אינעם גליון ווערן נתרבה אויך די וועלט תלמידים פון הייליגן רבי'ן. ווי רבינו שליט"א דערמאנט שטענדיג אז כל המלמד את בן חבירו תורה כאילו ילדו, אז מ'וועט נתחנך אין די מוסדות הק' וואס ער האט מייסד געווען, און מ'פירט זיך ווי ער האט געלערנט און געוואלט, איז ווי מ'איז זיינס א תלמיד. און אוודאי מה זרעו בחיים אף הוא בחיים.

## תקנות רביה"ק פארן שטעטל

איך האב געזעהן די מודעה פון בית הוראה דקריתינו, אויפצופאדערן און דערמאנען די געסט וואס קומען אין שטעטל בימי הילולא קדישא פון כ"ק רביה"ק זי"ע, אז מ'זאל זיך פירן מיט די תקנות פון צניעות און קדושה ווי דער הייליגער רבי האט געפאדערט. איך האב זייער הנאה געהאט דערפון אז מ'איז טאקע מחזק ווייטער די תקנות פונעם מייסד הקריה כ"ק רביה"ק זי"ע בעל ההילולא.

במשך די יארן האט דער הייליגער רבי זי"ע מער ווי איינמאל מחזק געווען די תקנות פונעם שטעטל, און פארלאנגט אז יעדער זאל עס האבן אויפגעהאנגען ביי זיך אינדערהיים מיט די חתימות פונעם מאן און ווייב, אז מ'זאל עס כסדר געדענקן און האבן פאר אויגן שטענדיג.

עטליכע יאר צוריק איז טאקע געווען נאכאמאל א התחדשות התקנות, אבער איך געדענק אז ס'איז נישט אינגאנצן צוגעענדיגט געווארן מיט אלע פרישע אינגעלייט וואס זענען נתרבה געווארן און חתונה געהאט במשך די יארן. יעצט שטייענדיג בימי הילולא קדישא טראכט איך אז דער רבי וועט זיכער האבן א שטארקע נחת רוח בשמי מעל, אז מ'וועט עס ווערן מחזק זיין און פארשטארקערן, און מ'וועט דורך דעם קענען פועל'ן ישועות פארן גאנצן שטעטל און יעדער פאר זיך. איין צעטל בעפאר די

יארצייט אז די געסט זאל וויסן פון א חלק פון די תקנות איז א גוטע זאך, אבער מעלין בקודש ולא מורידין, בעסער האט נישט קיין שיעור, און נאכדערצו א זאך וואס ס'איז זיכער אז דער הייליגער רבי וויל עס און ווארט דערויף.

אגב, איבערקוקנדיג די תקנות ביי מיין טאטע אינדערהיים לעצטנס, האב איך געזעהן אז איינע פון די תקנות איז אז מ'טאר נישט וועקשיקן די קינדער לערנען פון שטעטל אן קיין רשות. דאס האט דער הייליגער רבי פארלאנגט און געוואלט ס'זאל זיין אזוי. און ס'האט אינגאנצן נישט קיין זין זיך צו טענה'ן בכלל איבער דעם, ווי איך האב געזעהן אין די בריוון די לעצטערע וואכן.

תחזקנה ידיכם והצלחה מרובה בכל מעשה ידיכם.

א פרישע אינגערמאן וואס ווארט אינטערצושרייבן די תקנות..

# א התרגשות'דיגע מעסעדזש פון א טאטע פון א תלמיד הישיבה

א גוטן דא רעדט א טאטע פון איינע פון די תלמידי ישיבה גדולה אור החיים ד'טאהש.

איך וויל נאר לאזן א קורצע מעסעדזש. איך זעה מען איז פארנומען צו שרייבן אינעם גליון באור החיים איבער דעם אז מ'זאל שיקן לערנען די קינדער קיין טאהש.

איך וויל זאגן אז האב שוין געשיקט בחורים אויך אין אנדערע פלעצער אויסער טאהש, און פאר די קומענדיגע קינדער, און אויך פאר ווער ס'פרעגט מיך, זאג איך, "די אויסוואל איז זייער קלאר". ראו מה בין בני לבן וכו'. מיין זוהן האט קונה געווען סיי אין תורה און סיי אין יראת שמים, איך האב א פלעינע בחור (לויט די סטאנדארטן פון אונזער ישיבה), אבער ער לעבט פון א טעם אין שבת, ער האט ליב אידישקייט, ער לעבט מיטן צדיק רביה"ק זי"ע, און אלע הייליגע צדיקים נבג"מ, ער קומט אהיים מיט א קנין נצחי פון בלעטער גמרא, און פון מקצעות אין שו"ע, און ער האט זיך לעצטנס געשטעלט צום פארהער מיט די אנדערע תלמידי הישיבה ביי גדולי הרבנים, און ב"ה געקענט גוט.

ביים זיצן צוזאמען ביי א שבת טיש אינדערהיים האב איך ב"ה אויך געקענט אביסל מיטהאלטן פון די קניני הנפש וואס מען פאקט אריין אין די בחורים. עס איז נישט מער ווי נארמאל אז וואקפארנדיג פון ישיבה, וועט א בחור זיך וועלן אביסל אויסלופטערן, און ביים פארברענגען אין א שמועס ביי א שבת טיש קען זיך אריינפארן אויך דא דארט אין די נייעס וכו'. אבער ווי עס ווייזט אויס איז די אויר אין טאהש פון אן אנדערע סארט, און אפי' די לייכטע שמועסן זענען אלס געפארן איבער אינטערעסאנטע שיינע אידישע נייעסלעך, און אפי' ביים רעדן איבער אנדערע ענינים, איז עס נישט געווען פון קיין וועטליכע פארגרעבטע נייעס. (אינטערעסאנט ווי פון די גרויסע נייעסן וואס ער איז

געווען ביזי, איז די וויכטיגע טאהשע נייעס, ווי אז מ'גרייט זיך אויף די גרויסע צענטע יארצייט פון רבי'ן, אז די טישן פון גרויסן ביהמ"ד זענען שוין אויף די שיף אנצוקומען, א.א.וו.).

און נאך מער איז ווי די בחורים האבן אזא קשר מיט מרן רבינו שליט"א, אז דאס איז אויך פון די נייעס און קרישקעלעך וואס איז געשמאקט צו שמועסן, צו פון הנהגות פון רבין זז"ג וואס איז אויסגעקומען מיטצוהאלטן אדער הערן פון אנדערע בחורים, צו איבער די סעודות כסדר מיטן רבי'ן, און עס מאכט זיך כסדר דער רבי זאל אפי' אומאפיציעל אנקומען אומגעראכטן בהיכל הישיבה צו זעהן וואס זיינע טייערע תלמידים מאכן.

אזוי אויך איז מיר אויסגעקומען צו הערן פון מיין זוהן לעבהאפטיג, איבער דעם וואס די בחורים האבן געהארעוועט א גאנצע נאכט בעפאר די גרויסע פארהער אין יו"ד ח"א, און דערנאך מיטגעדאווענט מיטן רבי'ן שליט"א אינעם רבי'ן זי"ע'ס היסטארישע בית מדרשו הפרטי, און אזוי אויך איבער די שחיטה וואס מען האט ספעציעל געמאכט פאר די בחורים צו פארשטיין לעבעדיג וואס זיי האבן געלערנט.

דא וויל איך טאקע ארויסהייבן די גרויסע כוחות וואס די הנהלת הישיבה און די איינגעשטעלטע לייגן אריין כסדר אז די בחורים זאלן זיך טאקע קונה שלימות זיין בדרכי עבודת עבודה, און זיי זאלן שטייגן ברוחניות און אויך בגשמיות, א קנין וואס זאל בלייבן אריינגעקריצט אויף א גאנצן לעבן, אויך שפעטער ווען דאגות און טרדות קומען אריין אין די לעבן, סיי ווען מ'איז עוסק על התורה ועל העבודה און סיי על המחיה ועל הכלכלה איש על מחנהו ואיש על דגלו.

א גליקליכע טאטע פון א טאהשע בחור, פה ניו יארק

# השפעה פון ח"י רוטל ביי רבי אייזיקל קאלובער זי"ע

איך האב יעצט געהערט גאר א שיינע מעשה וואס האט פאסירט מיט איבער צוואנציג יאר צוריק, וואס האט ממשיך געווען מיט נאך א חלק אין די לעצטערע תקופה.

עס האט פאסירט מיט מוה"ר אליהו קרויס בן הרה"ח ר' משולם איסר, ער פלעגט וואוינען דא יארן צוריק אין טאהש, ער האט נישט געהאט קיין קינדער בערך צען יאר נאך די חתונה. ער האט געטוהן פארשידענע סגולות, ובתוכם אויך אלס א שטארקע סגולה איז ער געפארן קיין מירון, און אויסגעטיילט ח"י רוטל טרינקען דארט ביים הילולא דרבי שמעון.

איינמאל האט זיך ר' משולם איסר גע'חלומ'ט, ווי ער איז ביי הרה"ק רבי אייזיקל קאלובער זי"ע, מיט נאך צוויי מענטשן ארום אים, און דער צדיק רבי אייזיקל זאגט אים "מ'פארט אויף מירון און מ'גיבט ח"י רוטל פעטעל, (די סארט סירופ וואסער טרינקען פון א"י)... אז מ'קומט צו מיר און מ'טיילט ח"י רוטל משקה

(ברוינפן) קען מען אויך געהאלפן ווערן מיט א ישועה". און ער חלומ'ט זיך ווייטער, ווי ער איז דארט ביים ציון הק' פון רבי אייזיקל און ער נעמט ארויס א 750 מיליגראם פלאש שליבוביץ, און ער פרעגט רבי אייזיקל צו אזא פלאש איז גענוג גרויס, און ער האט געענטפערט אז ברייטע יא, 18 אזעלכע פלעשער איז זיכער גענוג.

ר' משולם איסר איז אריין צום הייליגן רבין פארציילן זיין חלום, און ער פרעגט דעם רבי'ן צו ער זאל פארן, דער רבי האט אויסגעהערט זיין מעשה, און דער רבי רופט זיך אן "אודאי זאל מען פארן, און טאקע געבן דארטן ח"י רוטל משקה". אויפן וועג ארויסגייענדיג פון רבי'ן, רופט אים דער רבי צוריק, און דער רבי גיבט אים א פרעג: ביי וועמען איז נאר געווען די מעשה, אבער נאך פאר ער קען אפי' ענטפערן, האט זיך דער רבי געגעבן א רוף אן: "אה, ס'איז א חלום פון רבי אייזיקל קאלובער"...

ער איז טאקע דעמאלטס געפארן קיין קאלוב ז' אדר. עס איז נאכנישט געווען קיין גרויסע געפארעכטס דעמאלטס, ניטאמאל ביים יארצייט האט מען געקענט טרעפן 18 מענטשן אין קאלוב יענע יארן. אבער זייענדיג אין אונגארן, האט ער געזעהן אז נאך עפעס א גרופע אידן זענען אין די געגנט, ווייל ווי ער איז ארומגעגאנגען צו קברי צדיקים דארט ארום, האט ער געזען אנגעצינדענע ליכט וכדו', אבער ער האט איבעראל פונקט פארפאסט די גרופע.

ער איז אנגעקומען קיין קאלוב צום ציון הק' פון הייליגן רבי אייזיקל, האט ער פונקט געטראפן די גרופע דארטן, איבער א מנין אידן, ער האט געגעבן דארטן פאר די עולם ברוינפן, ער האט מיטגענומען מיט זיך 18 באטלעך פאר ח"י רוטל, האט ער געטיילט פאר יעדעם פון די 11 מענטשן איין באטל. ער האט געמאכט א לחיים, און געבעטן אז יעדער זאל נעמען זיין באטל ווען ער קומט צוריק אהיים, און זאגן לחיים דערמיט יעדער אין זיין ביהמ"ד ווי ער דאווענט.

אזוי ווי ס'איז נאך איבערגעבליבן 7 באטלעך ברוינפן, האט ער געטראכט ווי ער קען עס אויסטיילן, נאך ביומא דהילולא פון רבי אייזיקל זי"ע, האט אים קאסאן פארשעי רבי שליט"א דערציילט אז אין בודאפעסט מאכט די קהילה דארט א סעודה לכבוד רבי אייזיקל'ס יארצייט. אנקומענדיג קיין פעסט דארט אין די אשכנזישע שוהל, האט ער קודם מיטגעהאלטן די ז' אדר דרשה פון די רב און שוחט, און נאך די דרשה האט מען געטיילט א סעודה אין ביהמ"ד, און ער האט געטיילט לחיים פארן ציבור.

איינע פון די צוויי מענטשן וואס זענען געווען מיט אים אין זיין חלום מיט דער הייליגער רבי אייזיקל, איז געווען הרה"ח ר' אברהם שמחה סאמעט ע"ה, די טאטע פון יבלחט"א מוה"ר משה שמואל הי"ו, די צווייטע מענטש ווייסט ער נאך עד היום נישט ווער דאס איז.

בערך א יאר האלב שפעטער איז ר' אלי' קרויס געהאלפן געווארן מיט זיין ערשטע זוהן למזל טוב. וואס אגב איז אינטערעסאנט, ער האט א נאמען געגעבן "לוי יצחק" נאך דער הייליגער קדושת לוי פון בארדיטשוב זי"ע, און די קינד'ס מאמעס נאמען איז שרה סאשע, איז זיין נאמען לוי יצחק בן שרה סאשע.

די מעשה מיטן חלום האט פאסירט ארום שנת תשס"ג, און ער געהאט זיין ערשטע קינד ארום תשס"ה. יעצט ארום 20 יאר שפעטער האט זיין זוהן חתונה געהאט מיט די יונגסטע טאכטער פון ר' משה שמואל סאמעט.

דארף מען ווארטן אויפן קומענדיגן שידוך צו זעהן אויב ס'וועט זיין מיטן צווייטן איד פונעם חלום...

ב. א. (ווי געהערט פון אן איינקל, און באשטעטיגט מיטן בעל המעשה)

# עשירי יהיה קודש!

שטייענדיג ביים צענטן הילולא קדישא פון כ"ק מרן רביה"ק זי"ע, איז אינטערעסאנט אראפצוברענגען די הערכה איבער די פטירה פון הייליגן רבי'ן, וואס איז ערשינען אינעם טעגליכען בלעטל 'קול הציבור' אין מאנסי, עש"ק פרשת ראה תשע"ה.

"כלל ישראל אין שטארק געשלאגן געווארן מיט'ן פארלוסט פון האי צדיק קדוש ונשגב משרידי דור הישן, עמוד צלותהון דישראל כ"ק מרן אדמו"ר הרה"ק רבי משולם פייש מטאהש זצוקללה"ה זיע"א בן הרה"ק רבי מרדכי מדערמעטשער זיע"א בהאי קטירא אתקטר, ועלה ונתעלה לשמי מרום ביום ד' ראה ז"ך לחודש מנחם אב תשע"ה.

דער טאהש'ע רבי זי"ע איז געווען א יחיד מומחה צו אויסטיילן שווערע גרויסע סכומים, אן דעם וואס די ארומיגע זאלן דאס וויסן בכלל.

אויף דעם רבין זצ"ל פאסט זיך ריכטיג די ווערטער וואס איז דערמאנט געווארן ביי די הספדים "צדק לפניו יהלך", דער רבי איז געווען דער עמוד הצדקה בדורינו, אויף וואס הונדערטער און טויזנטער אידן קענען עדות זאגן פון אייגענע מעשיות.

דערצו איז דער רבי געווען א מוסטער פון "אהבת ישראל" אויפנעמענדיג יעדן איינעם, וואס דאס מיינט יעדעם ממש, אפי' קליינע קינדער וואס האבן קוים עפעס פארשטאנען, און געגעבן דאס געפיהל אז ער טראכט יעצט נאר פון איהם. אזוי אויך איז דער רבי זצ"ל געווען א ריכטיגער משתתף בצערן של ישראל, נישט נאר געגעבן דאס געפיהל, נאר באמת מיטגעפיהלט יענעמס צער, און נישט גערוהט ביז ער האט יענעם ארויסגעהאלפן אינגאנצן.

דער רבי איז געווען א מוסטער פון הכנסת אורחים במלוא מובן המילה, יעדער נויטבאדערפיגער האט געוואוסט אז אין טאהש איז דא שטענדיג צוגעגרייט צו עסן, דער רבי האט אזויפיל כחות אריין געלייגט, אזש יעדע מאל ס'איז געקומען צו פארן א גרויסן עולם, האט דער רבי זיכער געמאכט סזאל זיין גענוג עסן פאר אלע אורחים, אסאך אידן פלעגן אריינקומען צום

רבי'ן אינדערהיים אריינגיין אינעם גרויסן פרידזשעדער און פשוט אהיימנעמען גאנצע סעודות, און דער רבי האט זיך געפריידט דערמיט, דאס האט געהאט אזא שטארקע השפעה, וואס האט איבערגעלאזט א רישומא קדישא עד זיבולא בתרייתא, ווען נאך חצות הלילה נאכדעם וואס מ'איז צוריק געקומען פון פעלד נאך סתימת הגולל, האט זיך געגאסן עסן לרחצה פאר'ן גאנצן עולם, בשר ודגים וכל מעדנים כפשוטו ממש אן קיין שום גוזמא, מילעכיג'ס און פליישיג'ס פאר יעדן וואס זיין הארץ באגערט, זיך צו וואשן, אדער סתם א נאראהפטיגע נאכטמאל פארציע, געגג פאר יעדן, וואס דאס האט געטוהן אפשפיגלען דעם רבינ'ס זצ"ל מעשי החסד כי רבה היא.

די קדושה פונעם רבין זצ"ל איז אומבאגרייפבאר וואס דעריבער קענען מיר דאס בכלל נישט צורירן, אבער דאס ידיעה און ביטוש הגוף דאס קענען מיר יא רעדן, דאס איז א לימוד וואס דער צדיק נשגב האט אונז אויסגעלערנט אלע זיינע יארן ביז די לעצטע 10 יאר.

ווער ס'איז נאר אמאל געווען אין טאהש, געדענקט די אמירת תהלים קודם התפלה ביגיעה עצומה, וואס איז געזאגט געווארן מיט א זעלטענע נעימות, ווען דערנאך איז פארגעקומען א תפלת שחרית ווען יעדער ווארט ווערט געזאגט כמונה מעות ממש, און ווער רעדט נאך די עבודה נשגבה ביי די שמות הק'.

א שב"ק די תפילות די עריכת השלחנות וכדו', וואס מ'קען רעדן און רעדן און נישט פארטיגן, די דברו"ק וואס דער רבי פלעגט פארזאגן, די ריקודין קדישין און אזוי ווייטער, דאס שיריים טיילן אינזינן האבנ'דיג יעדן איינעם ממש.

דאס אלעס האבן מיר יעצט פארלוירן, ווייל כל זמן דער צדיק איז נאך געווען אויף דעם וועלט האט ער נאך מגין געווען אויף דעם דור, אבער יעצט הצדיק אבד ואין איש, דער צדיק איז שוין נישטא, ליגט אויף אונז דער חוב גדול צו ערפילן דאס לאך וואס איז געשאפן געווארן עם פטירתו.

ויה"ר אז דער צדיק וואס האט כל ימיו מתפלל געווען פארן גאנצן כלל ישראל, זאל שטורעמען דעם כסא הכבוד, און אויספועלן פאר אונז די גאולה שלימה, ווי ס'וועט מקויים ווערן דעם יקוצו וירננו כל שוכני עפר ובלע המות לנצח.

מיר וועלן אראפברענגען אויפן שפיץ גאפל צוויי קורצע קראנטע מעשיות וואס שפיגלען אפ זיין גרויסע מדת הצדקה,

ווי באקאנט האט דער רבי אועקגעגעבן כל אשר לו ארויסצוהעלפן אן אנדער איד, ביז עס איז געקומען א מצב אז די שטוב מענטשן האבן געהיטן אויף אים אז ער זאל נישט פארטיילן אלעם. אבער דער רבי'ס הייליג פייער האט זיך נישט אפגעשטילט.

א איד איז אריינגעקומען צום רבי'ן וועגן א גאר קריטישן צוועק, דער רבי האט זיך אנגערופן צום גבאי, איך דארף $100 צו געבן פאר דעם איד, זאגט דער גבאי אז ער האט נאר $70, האט איהם דער רבי באפוילן ארויס צו גיין שאפן נאך געלט, ווי נאר דער גבאי שפאצירט ארויס, ריקט דער רבי אריין א ענוועלאו"פ מיט 11 טוויזנט דאלער פאר דעם איד אין טאַש אריין, אין קוועטשט עס אריין, און מאכט זיכער סזאל זיך גארנישט אנזעהן פון אינדרויסן, און פארבעט דעם איד אויסצווארטן אינעווייניג, ווי נאר דער גבאי קומט צוריק, ציילט דער רבי אפ די $100 און געבט דאס דעם איד בסבר פנים יפות, אן דעם וואס דער גבאי זאל כאפן וואס דא איז הערשט יעצט פארגעקומען.

א גביר האט אמאל געגעבן פארן רבין א ענוועלאו"פ מיט צענדליגע טויזנטער דאלער'ס, בעטענדיג א גאר גרויסע ישועה, דער רבי האט אים צוגעזאגט און אפגעזעגנט, והנה אך יצוא יצא דער עושר, נכנס העני קומט אריין א צובראכענער איד מיט א ביטער פעקל, דער רבי הערט אים אויס און געבט אים גלייך איבער דאס פארמאכטן ענוועלאו"פ אן בכלל איבערצוציילן, דער איד גייט ארויס (נישט וואוסנדיג פון וואו די געלט קומט), און כאפט א היטש מיט דעם עושר צוריק קיין נ.י., דער עושר האט פלוצלינג באמערקט ווי דער איד עפנט אויף "זיין ענוועלאו"פ" וואס ער האט נארואס געבען פארן רבי'ן און ציילט זיין געלט, עס האט אים געבאדערט פארוואס דער רבי האט דאס אפי' נישט אפגעציילט, איילט ער זיך צוריק אל הקודש פנימה, און פרעגט דעם רבי'ן פארוואס האט דער רבי גלייך איבער געגעבן דאס געלט ווייטער, דער רבי ווייסט דען וויפל געלט ס'איז געליגן דארט, זאגט אים דער רבי יא, און זאגט אים דעם פונקטליכן מספר, פרעגט דער איד, פון וואו ווייסט דאס דער רבי, דער רבי האט דאס דאך נישט געציילט – נישט וועלנדיג דער עושר זאל כאפן די אפענע אויגן – זאגט אים דער רבי, לויט די דיקקייט פון דעם פעקל קען מען שפירן.

ווי פארשטענדליך האט דער עושר געהאט זיין ישועה, און דער איד איז אויך געהאלפן געווארן..

עס איז אריינגעקומען א איד צום רבי'ן און זיך אויסגעוויינט איבער זיין שווערע מצב הפרנסה און די בארג חובות פון וואס ערקען זיך נישט ארויסזעהן, דער רבי האט אים געהייסן אריינגיין אין ביהמ"ד, און אנגעוויזן אין וועלכן שאנק אויפצוזוכן א חסידיש ספר, אין וועלכן דף ער זאל נאכקוקן דארט,

דער איד האט געטוהן ווי דער רבי האט געהייסן, אויפגעזוכט דעם ספר, אין יענעם דף וואס דער רבי האט אנגעוויזן איז געליגן א דיקן ענוועלאפ מיט געלט.

אזוי האט דער רבי פארטיילט צדקה אויף א גרויסן פארנעם אן דעם וואס זיינע ארומיגע זאלן וויסן. זכותו הגדול יגן עלינו.

ויהא רעווא, אזוי ווי אויף דעם וועלט האט דער רבי געטיילט ביד רחבה ונדיבה, און צדיקים פלעג זאגן אז מיט וואס מ'איז באשעפטיגט אויף דער וועלט, לאזט מען ממשיך זיין אויף יענער וועלט, זאל דער צדיק משפיע זיין אויף אונז פון אויבן שפע ברכה והצלחה, און מיר זאלן זוכה זיין ס'זאל זיין תכלה שנה וקללותיה, און תחל שנה וברכותיה, ונזכה לשנת גאולה וישועה.

גדול כים שברך...


בס"ד
זה היום עשה ה'
נגילה ונשמחה בו
שמחם בבנין שלם
בהתרגשות רב שמחים אנו
לבשר צדק בקהל רב כי
בסייעתא דשמיא מרובה הצלחנו
בהתייעצות ובברכתו הטהורה של
כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א
להתחיל לבנות
בנין
גדול
מפואר
להישיבה גדולה
בניו יארק יע"א
בשטח מיוחד מחוץ לעיר
לתועלת הבחורים החשובים
זכותו הגדול
של רביה"ק
זצוקללה"ה
תהא חופפת
עלינו כל הימים,
שנוכל לחנך
ולגדל לגיון של
מלך בחורים
יראים ושלימים
עפ"י רצון קדשו
ודרכו הטהורה
בהמשכת כ"ק
מרן רבינו
שליט"א.
ישיבה גדולה
תורת
משולם פייש
דטאהש
ניו יארק


- אונזער פליכט צו פארזיכערן די וואוילזיין פון שטעטל -
"........א סכנה גדולה,
דער אייבערשטער זאל
זיך מרחם זיין..........
אבער
ס'דא
א מהלך
וואס
זאל זיי
אפהיטן
פון
אלע
צרות.
זאל מען זען למען השם,
מ'זאל דאס מקיים זיין
מיט אלע כחות."
(רביה"ק אמרו:)
ערווארטעט די
"הייליגע מהלך"
ביי אייער טיר!!



בסייעתא
זמן שמחתינו
שמחת תורה
בצל הקודש
מאביל אפדעיט #2
פאר וועלכע וואס ווילן
צום בעפארשטייענדן
שמחת תורה
די מאביל'ס וועלן זיין
מיט אלע צוגעהערן
א משפחה
מענטשן צו
פאר די פרייז פון
USD
צו רעזערווירן א מאביל
אדער דורך קול איחוד
718-451-8674

אין די זעלבע צייט טוען מיר אפעלירן מיט א בקשה צו תושבי קריתינו הק׳, וועלכע האבן שוין לאנגע יארן די זכי׳ צו זיין די

**מכניסי אורחים**

פאר אנ״ש מרחבי תבל:

**ביטע לאדענט אייערע קרובים צו א סעודה, אדער פארדינגט אייער דירה פאר א צוגענגליכע פרייז.**

די זכות המצוה פון הכנסת אורחים, און די געוואלדיגע השפעות און קבלות וואס מען שעפט אן אין די ימים הנעלים והנשגבים, וועט אוודאי אייך ביישטיין!



# בצל הקודש

מהנעשה והנשמע בביתו נאוה קודש
של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

ראה - תשפ"ה לפ"ק

## מיטוואך פר' עקב

ארום 7:30 פארנאכטס איז רבינו שליט"א אנגעקומען צום קבלת פנים ביים חתונה פון החתן בן מוה"ר אברהם האלצער הי"ו עב"ג בת מוה"ר אברהם הערש ראטענשטיין הי"ו אין די זאלן פון בית צירל. דער רבי האט מסדר געווען די כתובה, געוואונטשן לחיים, אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן חתן מחותנים און זיידע'ס ובני משפחה, געגאנגען באדעקן די כלה, אנגעטון קיטל און גארטל, געלייגט די אש אויפן חתן, און מסדר קידושין געווען אונטערן חופה.

ארום 10:30 איז דער רבי צוריק ערשינען אין זאל און געטאנצן ריקודי קודש מצוה טאנץ לפני הכלה.

## דאנערשטאג פר' עקב

ביינאכט האט דער רבי משמיע געווען ברכת הקודש דורכ'ן טעלעפאון, ביי די מסיבה לטובת קרן הבנין דבית מדרשינו אין קרית יואל, אין שטוב פון הרב הגאון דומ"ץ דקהלתינו הק' קרית יואל שליט"א.

## שבת קודש פר' עקב

בערך 15 מינוט פארן זמן הדהל"נ איז דער רבי ערשינען אין ביהמ"ד הגדול, געצינדן די ליכט ביים עמוד, און די נרות שבת, דערנאך געזאגט שיר השירים אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, פאר קבלת שבת איז דער רבי ארויף אויפן ארון הקודש און משמיע געווען דברות קודש, זייענדיג מעורר מען זאל זיך צוגרייטן בהכנה דרבה צו די יומא דהילולא קדישא, בתיקון המעשים ומצות ומעש"ט, ובפרט זאל מען זיך אנשטרענגען אויסצוזאגן גאנץ ספר תהלים שבת אינדערפרי כרצון קדשו פון רביה"ק זי"ע.

דער רבי איז צוגעגאנגען צו קבלת שבת. נאכן דאווענען איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן 'א גוט שבת'.

ביים שלחן הטהור בהיכל ביהמ"ד הגדול, איז מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש הרה"צ רבי משה סג"ל שליט"א.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, כ"ק אדמו"ר מ'זידיטשוב חרדים שליט"א, אדמו"ר מ'זוטשקא קראקאס שליט"א, הרה"ג רבי חיים יחזקי' פיש שליט"א פון וומסב"ג נכד רביה"ק זי"ע, הרה"ג ר' יעקב יואל רובין שליט"א ראש חבורות עבודה מאנסי.

דער רבי האט פארגעלערנט בספה"ק נועם אלימלך, און דערנאך ממשיך געווען בדברות קודש.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"ג ר' יוסף מאיר הארוויץ שליט"א פון וומסב"ג, שיר המעלות הב' אברהם זיידא פויגעל ני"ו תלמיד ישיבה גדולה.

נאכן בענטשן איז פארגעקומען די שלום זכרים פון נכד רבינו שליט"א, בן הנולד צו הגה"צ רבי יואל יחיאל קאהן שליט"א חדב"ן, פון בן הרב יששכר בער הארוויץ שליט"א, נכד רביה"ק זי"ע, און פון בן מו"ה יוסף גאלדמאן הי"ו. דער רבי האט טועם געווען פון די בונדלעך, און געוואונטשן לחיים פאר די בעלי שמחה און זיידע'ס ובני משפחה, און די ציבור האט זיך מיטגעפריידט בשמחת בית צדיקים.

שבת נותנים הרה"ח ר' יהוסף צבי ראטענבערג הי"ו פון קרית יואל.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג, אנקומענדיג פארנט פון ביתו נאוה קודש האט דער רבי געוואונטשן 'א גוט שבת'.

⋄

שבת אינדערפרי האט דער רבי פארגעזאגט ספר תהלים ביים עמוד כנהוג, צו פסוקי דזמרה איז צוגעגאנגען מו"ה נפתלי עסטרייכער הי"ו, שחרית האט געדאווענט מוה"ר חיים נחום מערמעלשטיין הי"ו.

די עליות האבן עולה געווען: כהן כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, לוי החתן אשר ענזיל סג"ל קרויס ני"ו, שלישי כ"ק אדמו"ר מ'זידיטשוב חרדים שליט"א, רביעי מוה"ר משה יוסף שימאנאוויטש הי"ו פון קאשוי, חמישי הרה"ח ר' יצחק יודא לייבוש מערמעלשטיין שליט"א, ששי כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, שביעי מוה"ר חיים נחום מערמעלשטיין הי"ו. הוספות: הרה"ג ר' מרדכי לייפער שליט"א מאנסי, הרה"ג ר' יוסף מאיר הארוויץ שליט"א, החתן שמואל מאיר האלצער הי"ו, הרה"ח ר' יעקב שאול ראטענשטיין הי"ו פון וומסב"ג, מו"ה נפתלי

עסטרייכער הי"ו, הרב יששכר בער האראוויץ שליט"א נכד רביה"ק זי"ע. אחרון הגה"צ רבי יואל יחיאל קאהן שליט"א חדב"ן.

פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל, דער רבי האט עולה געווען מפטיר. הגבה הרה"ג ר' יואל ראזענבערגער שליט"א, גלילה מוה"ר ישעי' מתתי' קאהן הי"ו פון מאנסי.

דער רבי איז צוגעגאנגען צו תפילת מוסף. פתיחה צו אנעים זמירות הרה"ח ר' נפתלי נחמי' ראטענבערג הי"ו פון מאנסי.

⟡

קורץ נאכן דאווענען איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור בהיכל הכוללים, אינאיינעם מיט די תלמידי ישיבה גדולה ואורחים החשובים, מיט הגבהת הכוס צו קידוש איז מכובד געווארן מוה"ר יואל יאקאב הי"ו פון וומסב"ג.

אז ביום השביעי מוה"ר מנחם מענדל האלפערין הי"ו פון מאנסי, ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען כ"ק אדמו"ר מ'זידיטשוב חרדים שליט"א.

דערנאך האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג. אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געוואונטשן א גוט שבת.

⟡

שבת נאכמיטאג האט האדמו"ר מ'זידיטשוב חרדים שליט"א פארגעלערנט פרקי אבות בהיכל ביהמ"ד הגדול.

צו מנחה איז צוגעגאנגען מוה"ר יהוסף צבי ראטענבערג הי"ו פון קרית יואל. די עליות האבן עולה געווען ראשון הרה"ח ר' חיים זילבערמאן הי"ו פון וומסב"ג, שני הרה"ג ר' ישעי' בנימין האלצער שליט"א, שלישי הרה"ג ר' יואל פילאפף שליט"א מו"ץ, הגבה כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, גלילה הרה"ח ר' דוד ישעי' געלב הי"ו פון לאנדאן.

דער רבי האט געמאכט קידוש ביי סעודה שלישית, הגבהת הכוס מוה"ר יהוסף צבי ראטענבערג הי"ו פון קרית יואל. מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: מוה"ר יחזקאל שרגא סג"ל שווארץ הי"ו, מוה"ר אברהם הערש ראטענשטיין הי"ו, מוה"ר לוי יצחק קאהן הי"ו פון מאנסי, מוה"ר יואל גאלדמאן הי"ו פון מאנטריאל.

דער רבי האט געבענטשט על הכוס, הגבהת הכוס הרב יעקב פאגעל שליט"א מחשובי רבני הכולל, שיר המעלות הב' שבתי ענגעלמאן ני"ו. מיט די שבע ברכות האט דער רבי מכבד געווען מיט די ערשטע זעקס ברכות כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, ברכה אחריתא כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א.

דער רבי איז צוגעגאנגען צו תפילת מעריב, נאך מעריב האט דער רבי געמאכט הבדלה, הגבהת הכוס מוה"ר אברהם יושע לאנדא הי"ו פון קרית יואל, די הבדלה האט געהאלטן מוה"ר בנציון יעקב לאם הי"ו פון מאנסי.

דערנאך איז פארגעקומען די מעמד 'חסידים מספרים' לקראת די יומא דהילולא קדישא, ווי מען האט געהערט סיפורים ועובדות פון הרה"ח ר' פנחס ארי' גרינוואלד הי"ו, הרה"ג ר' ישכר דוב מאירוביץ שליט"א, הרה"ח ר' נפתלי נחמי' ראטענבערג הי"ו פון מאנסי, הרה"ח ר' יהוסף יואל סג"ל קרויס הי"ו פון מאנטריאל, הרה"ח ר' שלום יחיאל מיכל ארגעל הי"ו, הרה"צ רבי מרדכי יודא פיש שליט"א, נכד רביה"ק זי"ע.

דערנאך האט דער רבי אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך בחדר הפרטי בבנין הישיבה.






# קול איחוד טאהש

קולו בקודש מרביה"ק זי"ע • דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א

דרשות • שיעורים • חבורות • מעמדים • מאורעות • מודעות • שמחות • אינטערוויו'ס • ועוד

718.451.8674 | 514.500.8674 | 0.333.015.0715 | 079.704.0074

קלארע און הערליכע שיעורים
במסכת בבא בתרא (ה' עמודים)
ובמסכת עבודה זרה (ז' עמודים)
בחבורת "מזון הנפש"
41 פון די מעין מעניו

מזון הנפש

## סדר הלימודים

במסגרת החבורת שע"י קהילתינו הק'

## = פרשת שופטים =

| | ז' עמודים - מסכת עבודה זרה | | ה' עמודים - מסכת בבא בתרא | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב"ק ראה | נא: | מח. | חזרה | חזרה |
| זונטאג א' ר"ח אלול | נב. | מח: | קא. | צז: |
| מאנטאג ב' ר"ח אלול | נב: | מט. | קא: | צח. |
| דינסטאג | נג. | מט: | קב. | צח: |
| מיטוואך | נג: | נ. | קב: | צט. |
| דאנערשטאג | נד. | נ: | קג. | צט: |
| עש"ק | נד: | נא. | חזרה | חזרה |

## בחינה הבאה ביום א' פרשת כי תבא

מס' עבו"ז: מא:-נה. | מס' בבא בתרא: צב.-קב.

יר"ל ע"י
איחוד תלמידי וחסידי טאהש
להערות והארות וכן לנדב גליון לשבוע נא לקרוא להמערכת

איחוד תלמידי וחסידי טאהש

P. 718.451.8674
EXT. 8
F. 877 760-0544
11 Van Buren Dr. #305
Monroe N.Y. 10950

די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן מודעות און מזל טוב'ס פארן גליון, איז:
מיטוואך 12:00 מיטאג